NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06497

# UNZER GESHIKHTE

I. Goldstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גאָלדשטיין

# אונזער געשיכטע

## לערנבוך

פון יידישער געשיכטע פאַר די אָנפאַנגס־שולן
אין דרום־אַמעריקע.

(פון דער וועלט־באַשאַפונג ביז אונזער צייט)

ארויסגעבער: ח. שאָר
בוענאָס איירעס
1934

אלע רעכט פארבאהאלטן.




I. GOLDSTEIN

# NUESTRA HISTORIA

**Manual para las escuelas judías.**

Buenos Aires

1 9 3 4

# צו די לערער

איינער פון די שווערסטע לימודים אין דער פאָלקס־שול איז — געשיכטע. געשיכטע מיינט צו זאָגן די פאַרהעלטניש און דאָס צוזאַמענלעבן פון לענדער און פעלקער; יעדע געשיכטע פון אַ באַשטימטער נאַציע איז אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס אַ ל ג ע מ י י נ ע געשיכטע.

פיל מער דאַרף מען דאָס זאָגן וועגן יידישער געשיכטע; אויף אַלע ערטער פון ערד־קוגל האָבן געלעבט און לעבן יידן און אַלע (אָדער כמעט אַלע) פעלקער פון דער גאָרער וועלט האָבן אַנטיילגענומען אין דער שאַפונג פון דער יידישער געשיכטע.

און אויף וויפל „די מלאכה איז אַסך" און פאַרוויקלט, נאָכמער „איז די צייט קורץ" — ווארום די גוטע ערשטע העלפט פון דער צייט, וואָס דאָס קינד פאַרברענגט אין דער אָנפאַנגס־שול איז נאָך ביכלל ווייט ניט צוגעפאַסט פאַר אַזאַ ערנסטן לימוד ווי געשיכטע; בלייבן איבער פאַר דעם בלויז די עלטערע, לעצטע גראַדן.

היינט — ווען די שול איז בלויז אַ 4־יעריקע?

און ווען די שול איז נאָך אַ י י ד י ש ע — דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער אַלגעמיינער אויסבילדונג פון קינד —

און דערצו ווען מיר האָבן אין זין אונזער דרום־אַמעריקאַנער שול — וואו מען קען בשום אופן ניט פעסטשטעלן ו ו ע ן דאָס קינד קומט אָן דאָרט, ו ו ע ן ער גייט ארויס און וויפל צייט ער פאַרברענגט אין איר ביכלל...—

איז טאַקע דעריבער דער לימוד פון יידישער געשיכטע אין אונזער פאָלקס־שול אָן אַן ערך שווערער: צו די שווערקייטן פון אָט דעם לימוד ביכלל קומען נאָך צו די ספּעציפישע שווערקייטן פון דער י י ד י ש ע ר געשיכטע און די וואָס שטאַמען פון די באַדינגונגען פון אונזער שול בפרט. —

איז אָבער גראד ד ע ר לימוד — צוליב געוויסע סיבות, איבער וועלכע מיר וועלן דאָ ניט ריידן — איינער פון די וויכטיקסטע אויב ניט דער וויכטיקסטער פון דער דערמאָנטער שול — און מיר מוזן געבן דעם קינד דעם מעגלעכן „מינימום" און „מאַקסימום" פון אָט דעם אונטערריכט.

די יידישע אָנפאַנגס־שול מוז געבן דעם קינד דעם מינימום געשיכט־לעכע ידיעות, אָן וועלכע מיר טאָרן דאָס קינד ניט אַוועקלאָזן פון שול און צו דערזעלבער צייט אויך דעם „מאַקסימום", וואָס אונזער איצ־טיקע דרום־אַמעריקאַנער שול איז בכוח צו געבן.

און דאָס האָבן מיר געמאַכט אַ פּרואוו צו טאָן אין דעם פאָרליגנדן לערבוך פון געשיכטע פאַר אונזערע פאָלקס־שולן.

ביים צונויפשטעלן פון אָט דעם לערבוך האָבן מיר פריער פאַר אַלעמען געהאַט אין זינען דאָס ל ע ב ע ד י ק ע  װ אָ ר ט פון לע־רער — א ו ן  ד אָ ס  ט אָ ר  ד ע ר  ל ע ר ע ר  ז ע ל ב ס ט  נ י ט  פ אַ ר ג ע ס ן  א ו י ף  א י י ן  מ י נ ו ט.

שוין ביי די ערשטע מעשהלעך פון חומש, וואָס קען אויסגענוצט ווערן שוין אין צווייטן לערניאָר — קען און דאַרף דער לערער „זאָגן זיין וואָרט" — דאָס לעבעדיקע וואָרט פון באַלויכטונג און דערגענ־צונג ניט בלויז פון פאַרברייטערטן טעקסט פון חומש, נייערט אויך פון די אגדות. *)

דער לערער וואָס ווייסט די אַנטוויקלונגס־שטופע פון זיינע שי־לער, וועט פיליכט האָבן צו זאָגן זיינע תלמידים פיל מער איידער דאָס, וואָס איז פאַראַן אין אונזער לערבוך — און דאַן וועט דער לעצ־טער דינען ווי אַ מין „קאָנספּעקט" און אַ „ראשי פּרקים", וואָס דער־מעגלעכן דעם שילער זיך דערוואַרבן ברייטערע ידיעות פון דער יידי־שער געשיכטע.

צוזאַמען מיט דער טעטיקייט פון לערער האָבן מיר אויך אין זינען געהאַט די זעלבסטטעטיקייט פון די קינדער.

דער לערער דאַרף צוגעוואוינען זיינע שילער צו אייגענער מוח־אַרבעט און לאָגישע „אויספירן" — אום צו פאַרשטיין אַמאָל אויך אַ זאַך, וואָס איז אפשר אין בוך ניטאָ „ב פ י ר ו ש"...

---

*) איבריקנס זיינען אין פיל שולן איינגעפירט ספּעציעלע, פאַר דעם צוועק צונויפגעשטעלטע (אין העברעיש און יידיש) לערנביכער.

אזוי למשל וועט דער שילער מיט דער הילף פון לערער און פון די צוויי אָנגעגעבענע דאַטן (586 און 516) א ל יי ן ארויסבאַקומען די צאָל 70 — ווי די מסורה רעכנט די צייט פון גלות בבל.

עס איז בכלל איבעריק דאָ צו ריידן וועגן דער וויכטיקייט פון די פראַגן, וואָס דער לערער שטעלט ובפרט אין אַזאַ לימוד ווי געשיכטע; אָבער ניט דעם לערער זיינער מיר אויסן געוועזן מיט די „פראַגן" וואָס צום ענדע פון בוך, נאָר גיכער דעם שילער גופא, וועלכער וויל ז י ך זעלבסט קאָנטראָלירן.

דער לערער אָבער דאַרף אויך פרעגן אַנדערע פראַגן. אזוי וועט פיליכט דער לערער פרעגן אַשטייגער: אין וועלכן לאַנד אין אייראָפּע האָבן יידן געלעבט גליקלעך אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן? —

פאַרשטייט מען, אַז אַזעלכע און ענלעכע פראַגן וועט דער לערער שטעלן ערשט ביים איבערחזרן דעם קורס. אויך דעמאָלט וועט דער לערער פיליכט געפינען פאַר מעגלעך צו געבן זיינע תלמידים אויך אַ שריפטלעכע ארבעט אין געשיכטע, ווי לאָמיר זאָגן:

„גוטע און שלעכטע צייטן פון יידן אין שפּאַניע".

דערביי וועט דער לערער פאַרלייגן די שילער אומגעפער פאָלגנדן פּלאַן: שפּאַניע. — אנוסים. — אַפריקע. — קאַליפאַט. — קאָרדאָבאַ.— חיסדאי. — יהודה הלוי. — רמב"ם. — אינאָצענץ 3. — אינקוויזיציע. — אויטאָ דא פע. — טאָרקוועמאדע. — גירוש שפּאַניע. —

דער לערער וועט אָנווייזן ווי זיך צו באַנוצן מיט דער ביילאַגע „נעמען פון מענטשן און ערטער" און צונויפבינדן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אום עס זאָל האָבן אַ „המשך".

כדי ניט אריינברענגען קיין פּלאָנטער האָבן מיר געגעבן אונזערע דאַטן לויט דער קריסטלעכער צייטרעכנונג, וועלכע איז לערך „נאָענט" צו דער רעכנונג לויטן „חורבן בית שני" — בפרט ווען פילע פון די באַצייכנטע אין טעקסט דאַטן זיינען אויך „לערכדיקע", אזוי צו זאָגן אין „קיילעכיקע צאָלן".

לויט דער צייטרעכנונג פון „בריאת העולם" האָבן מיר אָנגעגעבן בלויז אייניקע דאַטן, ווי צב"ש גזרת ת"ח, וועלכע דער לערער וועט פאַרגלייכן צום יאָר 1648 (ת"ח — תרצ"ד . . . אַלזאָ מיט 286 יאָר צוריק). —

מיר זיינען מוסר מודעה, אַז מיר האָבן בכוונה ניט געשילדערט די לאַגע פון די יידישע ישובים אין פאַרשידענע אַלטע און נייַ־געשאַפענע מלוכות פאַר די לעצטע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר, וואָס נאָך דער גרויסער וועלט־מילחמה.

דאָס יידישע לעבן פאַר דער דאָזיקער צייט מאַכט דורך אַ מוראַדיקן קריזיס, עס האַלט אין ו ו ע ר ן און אין שרעקלעכע חבלי לידה, עס פעלט אַלזאָ פאַר דער גענויער און ריכטיקער אָפּשאַצונג די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו און די נויטיקע אָביעקטיוויטעט — ווי דאָס פאָדערט באַזונדערס אַ שול־בוך.

י. ג.

# I

# דערציילונגען פון תנ״ך




1) מאפע פון כנען, לויט די שבטים.

## 1. די וועלט-באַשאַפונג

צום אַלעם ערשטן האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד, נאַכהער האָט ער באַשאַפן די וואַסערן און די גרעזער, די זון, די לבנה און די שטערן, דערנאָך — אַלע בהמות, חיות און עופות און ערשט דאַן האָט ער באַשאַפן דעם ערשטן מענטשן — א ד ם.
דאָס אַלעס האָט געדויערט זעקס טעג. דעם זי-בעטן טאָג האָט גאָט גערוט און אים אַ נאָמען גע-געבן ש ב ת.

## 2. די ערשטע רציחה

אדם איז געווען איינער אַליין. ווען ער איז איינ-געשלאָפן האָט גאָט ביי אים אויסגעשניטן אַ ריפּ, פון וואָס ער האָט געמאַכט אדמס פרוי — ח ו ה.
אדם מיט חוהן האָבן געהאַט צוויי זין: ק י ן און ה ב ל.
איינמאָל איז קין געוואָרן אין כעס אויף זיין ברו-דער הבל און האָט אים דערהרגעט. —
דאָס איז געווען די ערשטע רציחה, וואָס מענטשן זיינען באַגאַנגען.

## 3. דער מבול

אויך שפּעטער זיינען די מענטשן ניט פיל בעסער געוואָרן. איין צייט האָבן זיי זיך אזוי פאַרזינדיקט, אַז גאָט האָט באַשלאָסן צו פארניכטן אַלעס וואָס ער האָט באַשאַפן דורך אַ שלאַקס-רעגן — אַ מ ב ו ל.

און נוח איז דעמאָלט געווען דער איינציקער צדיק אויף דער גאָרער וועלט. האָט אים גאָט געהייסן מאַכן אַ קאַסטן-שיף — וואוהין נוח האָט זיך פאַרקליבן מיט זיין פאַמיליע.

נוח האָט אויך אריינגענומען צו זיך פאַרשידענע חיות און עופות, און אַזוי ארום זיי געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

## 4. די אבות

און ווידער איז אַוועק אַ צייט ביז עס איז נאָכאַמאָל געוואָרן אַ וועלט מיט מענטשן.

די אַלע מענטשן זיינען דאַן געווען געצנדינער. בלויז איינער איז געווען אין יענער צייט, וואָס האָט געגלייבט אין אמתן גאָט, דאָס איז געווען א ב ר ה ם — דער גרויסער צדיק און דער ערשטער ייד.

איינמאָל האָט גאָט געוואָלט אויספּרואוון אברהמען און אים געהייסן ברענגען פאַר אַ קרבן זיין איין-און-איינציקן זון — י צ ח ק.

אָבער ווען אברהם האָט שוין אויפגעהויבן דעם מעסער צו טאָן גאָטס באַפעל, האָט פּלוצים אַ קול פון

הימל אַ געשריי געגעבן — ער זאָל דאָס ניט טאָן, ווייל גאָט האָט אים בלויז געוואָלט פּרוּוון.

יצחק האָט געהאַט צוויי זין: י ע ק ב און ע ש ו.

א ב ר ה ם, י צ ח ק און י ע ק ב הייסן די א ב ו ת פון יידישן פאָלק.

## 5. י ו ס ף

יעקב האָט געהאַט צוועלף זין; פון זיי זיינען דאָס שפּעטער געוואָרן די צוועלף ש ב ט י ם. —

מער פון אַנדערע קינדער האָט יעקב ליב געהאַט י ו ס ף ן. דאָס האָט פאַרדראָסן די איבעריקע ברידער און זיי האָבן אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט קיין מיצרים. אָבער דורך זיין קלוגשאַפט און דורך דעם וואָס ער האָט איינמאָל געראַטעוועט דאָס לאַנד מיצרים פון אַ הונגער — איז יוסף דאָרט געוואָרן שני למלך.

ער האָט דאַן אַראָפּגעבראַכט קיין מיצרים זיין אַלטן פאָטער און זיינע ברידער, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט און געלעבט גליקלעך.

## 6. ד י י י ד ן א י ן מ י צ ר י ם

נאָך יוספס טויט אָבער, האָבן די מיצרים אָנגע-הויבן שטאַרק צו דריקן די יידן.

די יידן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קנעכט, וואָס האָבן שווער געאַרבעט און געליטן גרויסע צרות פון די ניט-יידן, ביז עס איז געבוירן געוואָרן מ ש ה ר ב נ ו.

דורך גרויסע וואונדער האָט משה געצוואונגען דעם מלך פון מיצרים ער זאָל די יידן באַפרייען.



2) משה רבנו

## 7. מתן תורה

פון מיצרים האָט משה געפירט דאָס יידישע פאָלק קיין כנען דורך דעם מידבר. דאָס פאָלק איז געווען

קנעכטיש און ניט געלערנט און עס האָט געמוזט פאַר-בלייבן אַ לענגערע צייט אין מידבר צו שטודירן די תורה, וואָס מושה האָט זיי געגעבן.

מושה האָט אָבער ניט אריינגעפירט די יידן קיין כנען. ער איז געשטאָרבן פריער. פאַר זיין טויט האָט ער איבערגעגעבן די פירונג פון פאָלק זיין טרייען די-נער — י ה ו ש ו ע.

## 8. דאָס באַזעצן זיך אויף לאַנד

צוגעקומען צום י ר ד ן האָבן זיך דאָרט באַ-זעצט צוויי מיט אַ האלבן שבט. די איבעריקע שבטים האָבן באַדאַרפט באקומען לאַנד פון דער צווייטער זייט ירדן.

זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם י ר ד ן און נאָך שווערע מילחמות מיט די פאַרשידענע פעלקער האָבן זיי זיך דערוואָרבן זייערע שטרעקעס לאַנד.

## 9. די פלישתים

נאָך יהושועס טויט איז ניט געווען ווער עס זאָל אָנפירן מיטן ג אַ נ צ ן פאָלק. די מילחמות מיט די ניט-יידישע איינוואוינער פון כנען זיינען געוואָרן אָפּ-טער און פאַרביסענער.

דאָס פאָלק האָט זיך פאַרטיילט אין באזונדערע שבטים, און אָט די באזונדערע טיילן (שבטים) זיינען געווען צעריסן צווישן זיך. דאָס צעריסנקייט האָט זיי געמאַכט שוואַך אַקעגן זייער דעמאָלטיקן שונא — די

פלישתים. די יידן האָבן שטאַרק געליטן פון דעם דאָזיקן פיינט.

## 10. די שופטים

די אלגעמיינע צרות אָבער האָבן ענדלעך גע- געבן צו פאַרשטיין די יידן די נויטיקייט פון אחדות (איינִיקייט) צווישן די פאַרשידענע יידישע שבטים.

עטלעכע פאַראייניקטע שבטים פלעגן האָבן איין געמיינזאַמען פירער, וואָס האָט זיך גערופן דער שופט (ריכטער).

אונטער דער פירערשאַפט פון דעם געמיינזאַמען שופט פלעגן די יידן פיל מאָל באַזיגן דעם שטאַרקן שונא.

אין די הייליקע ספרים (ת״נ״ך) ווערט דערציילט וועגן אַזאַ פאַראייניקונג אונטער דער פירונג פון דער קלוגער און העלדישער נביאה דבורה.

אַ דאַנק דער דעמאָלטיקער איינִיקייט האָבן די יידן אָפּגעהאלטן אַ גלענצנדיקן ניצחון איבער די כנענים — דער ניצחון, וואָס ווערט אַזוי שיין באַשריבן אינם ביבלישן בוך „שופטים״.

## 11. די מלוכה

הונדערטער יאָרן האָט אָנגעהאלטן די תקופה פון די שופטים.

דאָס פאָלק האָט אָבער פאַרלאַנגט אַ מלך, וואָס זאָל פאַרוואלטן מיט אַלע שבטים און וואָס זאָל אָנפירן מיטן גאַנצן פאָלק.

דעם פאַרלאַנג זייערן האָבן זיי דערקלערט דעם לעצטן שופט און נביא שמואל.
שמואל האָט זיי געגעבן אַ פּאַסיקן מאַן פאַר אַ מלך — שאול, און אַזוי ארום איז צוריק מיט אַ דריי טויזנט יאָר געגרינדעט געוואָרן די יידישע מלוכה.

## 12. די ערשטע מלכים

אין דער צייט פון די ערשטע דריי מלכים: שאול, דויד און שלומה, איז די יידישע געאייניקטע מלוכה געוואָרן די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע, פאַר וועלכער די ארומיקע פעלקער האָבן מורא געהאַט.
דויד המלך איז נאָך אַ חוץ אַ גיבור און פעיקער קעניג אויך געווען אַ באַגאַבטער דיכטער. זיינע געדיכטן געפינען זיך הויפּטזעכלעך אין דעם בוך „תהילים".
אין דער צייט פון זיין זון שלומה איז ארץ ישראל אויך געוואָרן איינער פון די גרעסטע האַנדלס-צענטרען. שלומה האָט באַפּוצט און פאַרשענערט דאָס לאַנד מיט פיל פּראַכטפולע געביידעס. ער האָט אויסגעבויט דעם ערשטן בית המיקדש אין ירושלים. ער האָט אויך געשמט אלס דער קלוגסטער פון די מענטשן פון יענער צייט.

## 13. ישראל און יהודה

שוין ביי שלומהס לעבן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט זיין פירונג, אי-

בערהויפּט דערפאַר, וואָס די הוצאות פון דער מלוכה און פון די פאַרשידענע בנינים וואָס שלומה האָט געבויט אין ירושלים, האָבן געפאָדערט גרויסע שטייערן, וועלכע האָבן זיך געלייגט ווי אַ שווערע משא אויפן פאָלק.

די אַלע קענגער אָבער האָבן ביי שלומהס לעבן מורא געהאט ארויסצוטרעטן עפנטלעך. דער גרעסטער פון זיי, ירבעם, וואָס האָט דאָס געוואַגט צו טאָן איז געוועזן געצוואונגען צו אַנטלויפן פון לאַנד.

נאָך שלומהס טויט אָבער איז עס געקומען זאָגאַר צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד. און נאָך אַן עקזיסטענץ פון אַן ערך הונדערט יאָר אַלס גאַנצע יידישע ממשלה איז ענדלעך די מלוכה צעריסן געוואָרן אויף צוויי: מלכות ישראל מיט דער הויפּט-שטאָט שומרון און מלכות יהודה מיט ירושלים אַלס הויפּט-שטאָט.

## 14. דאָס קעניגרייך ישראל

אַן ערך צוויי הונדערט יאָר האָט עקזיסטירט מלכות ישראל. חוץ די כסדרדיקע אויסערלעכע מילחמות וואָס זי האָט געפירט, איז איר אויך אויסגעקומען צו לעבן אין שטענדיקע אינערלעכע מהומות און אומאָרדנונגען. די מאַכט פלעגט אָפט איבערגיין פון איינעם צום צווייטן, דערביי פלעגט דער נייער קעניג אויסהרגענען די גאַנצע מישפחה פון אַלטן קעניג.

דער ערשטער קעניג פון מלכות ישראל איז גע-

ווען ירבעם. מורא האָבנדיק פאַר דעם איינפלוס פון בית המיקדש אין ירושלים, וואוהין יידן פלעגן גיין אַלע יאָר פון אַלע עקן פון לאַנד — האָט ער ביי זיך אין לאַנד אַוועקגעשטעלט צוויי קעלבער-אָפּגעטער און אַזוי ארום צוגעוואוינט דאָס פאָלק צו געצנדיינעריי.

פון די וויכטיקסטע מלכים פון ישראל איז צו רעכענען עמרי, וועלכער האָט אויסגעבויט די שטאָט שומרון; אחאב און זיין פרוי איזבל — די סאַמע זינדיקסטע פון יענע מלכים. דער לעצטער מלך פון ישראל איז געווען הושע — אין זיין צייט האָט דער מלך פון אשור געמאַכט אַן ענדע צו מלכות ישראל (720 פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג).

פון די נביאים פון יענער צייט האָט אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט דער נביא אליהו און זיין תלמיד אלישע, וועלכע פלעגן דרייסט ארויסטרעטן קעגן די זינדיקע מלכים, וואָס פאַרפירן דאָס פאָלק. אויך דער גרויסער נביא עמוס פלעגט שאַרף ארויסטרעטן קעגן אָט די מלכים.

## 15. דאָס קעניגרייך יהודה

מלכות יהודה האָט עקזיסטירט אַן ערך הונדערט יאָר מער ווי מלכות ישראל.

דער ערשטער קעניג פון דער אָפּגעשפּאָלטענער יהודה איז געווען רחבעם, דער זון פון שלומה.

פון די שפּעטערדיקע מלכים איז צו רעכענען אחז און זיין זון חזקיהו — ווען ס'איז געווען די גליקלעכסטע פאַר מלכות יהודה; יאשיהו — וועלכער האָט אויסגעראָטן די געצנדינערייַ.

דער לעצטער און אומגליקלעכסטער פון די מלכים איז געווען צידקיהו. אין זיין צייט האָט נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל אויך צעשטערט מלכות יהודה, פאַרטריבן די פאַרנעמסטע איינוואוי־נער פון יהודה קיין בבל און איבערגעלאָזט אין ירושלים בלויז די אָרימסטע טייל פון פאָלק. (586 פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג).

פון די נביאים פון יענער צייט זיינען: ישעיהו — אין דער צייט פון אחז און חזקיהו, און ירמיהו — וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט דעם גרויסן חורבן, וואָס נבוכדנאצר האָט געמאַכט אין יהודה.

## 16. גדליה בן אחיקם

דער מלך פון בבל האָט באַשטימט פאַר זיין שטעלפאַרטרעטער אין יידישן לאַנד דעם יידן גדליה בן אחיקם.

מיט זיין האַרציקער באַציונג צו די באַזיגטע און געפאַלענע יידן האָט דער ערלעכער און איבערגעגע־בענער גדליה געשטאַרקט אין פאָלק די האָפנונג אויף גליקלעכערע צייטן אין זייער אייגן לאַנד.

עס האָבן אָבער בא יידן ניט געפעלט אויך אַזעל־כע, וואָס האָבן ניט פאַרגונען, און זיינען געווען גע־

שטימט פיינטלעך צו אַט דעם גוטהאַרציקן גדליהן אויס געפיל פון קינאה.

די שלעכטע נית-יידישע שכנים האָבן אויך זייער פיל אונטערגעהאָלפן צו שאַפן פאַרשידענע אינטרי־געס, און אַזוי אַרום איז דאָס פייער פון קינאה און שינאה נאָכמער פאַרגרעסערט געוואָרן. און ענדלעך האָט דאָס דערגרייכט דערצו, אַז גדליה איז אומגעקומען פון די מערדערישע הענט פון אַ פאַלשן און נידער־טרעכטיקן יידן, וואָס האָט זיך מיתקנא געווען אין אים.

דער טאָג ווען גדליה איז אומגעקומען (דריי טעג אין תישרי) איז ביז היינט געוואָרן אַ טרויער-טאָג („צום גדליה״) פאַרן גאַנצן פאָלק.

אַנדערע טרויער-טעג צום אָנדענק פון יענע טרויעריקע געשעענישן זיינען: „עשרה בטבת״, ווען נבוכדנאצר האָט אָנגעפאַנגען די באַלאַגערונג פון ירושלים „שיבעה עשר בתמוז״, ווען דער שונא האָט די שטאָט איינגענומען, און „תישעה באב״ — ווען דער בית המיקדש איז פאַרברענט געוואָרן.

אָט די אַלע טרויעריקע זיכרונות האָבן אָבער צו דער זעלבער צייט געוועקט אין פאָלק שטאַרקע האָפ־נונגען — אַז יידן וועלן ווידער דעראָבערן זייער פריי־הייט. אויך די נביאים האָבן ניט אויפגעהערט צו טרייסטן און מוטיקן דאָס פאָלק.

---

חוץ די דערמאָנטע נביאים, שופטים און מלכים זיינען אויך די כוהנים געווען פירער פון פאָלק; זיי

פלעגן אים לערנען דאָס געזעץ פון דער תורה און אָפטמאָל פלעגן זיי אויך נעמען אַ וויכטיקן אַנטייל אין דער מלוכה-אַנפירונג.

---

## 17. ווי אַזוי יידן האָבן געלעבט אין די אַלטע צייטן

### א) יידישע פרנסות

צום ערשטן זיינען די יידן געווען פאַסטוכער; זיי פלעגן ציען זייער חיונה פון דעם, וואָס זיי פלעגן האָדעווען בהמות.

זוכנדיק אַלעמאָל פרישע פאַשע-פעלדער פאַר זייערע טשערעדעס (סטאַדעס) אָקסן, שאָף און ציגן — האָבן זיי אָפט געמוזט וואַנדערן פון איין פלאַץ צום צווייטן.

אויף די ערטער וואו זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרהאַלטן אַ לענגערע צייט, פלעגן זיי זיך שוין ביסלעכווייז אויך אָנהייבן באַשעפטיקן מיט ערד-אַרבעט: אַקערן און זייען פאַרשידענע תבואות.

אין דער צייט ווען יידן זיינען שוין געזעסן אין זייער לאַנד, אין ארץ ישראל — איז שוין די ערד-אַרבעט געווען זייער הויפט-באַשעפטיקונג.

נאָך שפעטער, אין דער צייט פון די מלכים, האָבן זיך יידן אויך פאַרנומען מיט מיסחר (האַנדל) סיי אינערלעכן, דאָס הייסט ביי זיך אין לאַנד גופא, און סיי מיט די פרעמדע שכנישע לענדער.

עס זיינען דעמאָלט ביי יידן אויך געווען אַ סך, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשידענע מלאכות (האַנטווערקער).

ב) די שטוב און די געזעלשאַפט

דעמאָלט האָט אַ מאַן געמעגט האָבן צוויי און מער פרויען. מען האָט געלעבט אין אָפּגעזונדערטע מישפּחות.

די מישפּחה האָט פאַרמאָגט אַ פיל־פאַרצווייגטע מיטגלידערשאַפט; צו איר האָבן געהערט טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, זין און טעכטער מיט זייערע פאַמיליעס, ווי אויך די אייגענע דינערשאַפט און די קנעכט און דינסטן, וואָס מען פלעגט קויפן ביי אַנדערע פעלקער.

די גאַנצע מישפּחה האָט געאַרבעט און געלעבט צוזאַמען.

אָנפירן מיטן מישפּחה־לעבן פלעגט דער סאַמע עלטסטער פון דער מישפּחה.

ווען די מישפּחה אָבער האָט זיך שוין צופיל צעוואקסן, פלעגט זיך פון איר אָפּטיילן אַ צווייטע.

געוואוינט האָט מען אין „געצעלטן״ (ביידלעך), וואָס מען קען לייכט איבערפירן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. אין ד י ערטער, וואו מען איז פאַרבליבן אויף לאַנג, פלעגט מען אויך בויען הייזער פון שטיינער.

ג) גלויבונגען און מינהגים

שוין גאָר פרי האָבן יידן אָנגעהויבן גלויבן אין איין און איינציקן גאָט, וואָס האָט באשאפן הימל און ערד און די גאַנצע וועלט.

אויסער דעם „טאָג פון רו״ (שבת) האָבן שוין דעמאָלט יידן געהאט אנדערע ימים-טובים, וועלכע זיינען געווען צוגעפּאַסט צום דאָרפישן אַרט לעבן און צו דער ערד-אַרבעט און וואָס האָבן געהאט אַ היסטאָרישע באדייטונג — דאָס הייסט מען האָט זיי געפייערט צום אָנדענק פון די גרויסע געשעענישן פון דער יידישער געשיכטע.

אַזוי איז דער יום-טוב פון פרילינג — פּסח געפייערט געוואָרן צום אָנדענק פון דער יידישער באפרייונג פון מיצרים („זכר ליציאת מיצרים״); שבועות — דער „יום-טוב פון שניט״ (ווען מען הויבט אָן שניידן די תבואה) — צום אָנדענק פון „מתן תורה״ (ווען מען האָט יידן געגעבן די תורה) און סוכות — דער יום-טוב פון צונויפנעמען די תבואה פון די פעלדער, דינט אלס אָנדענק פון דער יידישער וואַנדערונג אין דעם מידבר, וואו זיי האָבן געוואוינט אין ביידלעך („סוכות״).

# II
# די תקופה פון צווייטן בית המיקדש

# 18. גלות בבל

נבוכדנאצר האָט צעשטערט די מלוכה פון יהודה, אָבער צו די פאַרטריבענע יידן, וועלכע ער האָט באַזעצט אין זיין קעניגרייך האָט ער זיך גראד גוט באַצויגן.

אייניקע יידן האָבן זיך קאָלאָניזירט אין זייער נייעם וואוינאָרט און זיך דערוואָרבן פעלדער און גערטנער; אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט מיסחר און אזוי ארום אויך באַרייכערט געוואָרן; פיל יידן ווידער האָבן זאָגאר דערגרייכט הויכע פּאָסטנס אין דער מלוכה. געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין אזוי איינגעלעבט מיט די נייע בעלי־בתים, אַז זיי האָבן אָנגעפאַנגען אַלץ מער און מער צו פאַרגעסן זייער אייגן לאַנד און זייער גלענצנדע פּאָליטישע פאַר־גאַנגענהייט.

עס זיינען אָבער געווען אויך פיל אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט צופּאַסן צו דעם גלות־לעבן — זיי האָט דאָס אַלץ שטאַרקער געצויגן אין זייער אַלטער ליבער היים...

דערצו האָבן נאָך די בעסטע פון פאָלק — די אזוי גערופענע „סופרים" (שרייבער און לערער) מיט א באַזונדער פליים פאַרצייכנט מיט אַלע פּרטים, מיט אַלע קלענסטע איינצלהייטן די געשיכטלעכע געשעעניש פון זייער פאָלק און פון זיין גליקלעכער פאַרגאַנגענהייט; נביאים ווי י ח ז ק א ל, וואָס האָט געוואוינט אין בבל, האָבן געוועקט די גרויסע האָפנונגען אויף אַ בעסערן עתיד; זיי האָבן פאָ־רויסגעזאָגט דעם פאָלק אַ גליקלעך און פריי לעבן. די נביאים האָבן געטרייסט און געשטאַרקט די געפאַלענע און די פאַרצווייפלטע, באַזונ־דערס אין די שווערע מאָמענטן, ווען די מאַכט אין דעם פרעמדן לאַנד פלעגט איבערגיין אין די הענט פון שלעכטע מלכים.

און אָט איז טאַקע געקומען דער גינסטיקער מאָמענט: די פּער־

סישע מלוכה האָט באַזיגט בבל — און מיטן פאַלן פון בבל איז יהודה ווידער אויפגעריכט געוואָרן.

## 19. כורש

צווישן די פּערסישע אַרמייען, וואָס האָבן באַזיגט בבל (און ממילא אויך יהודה) — איז געווען אַ גרויסע צאָל אויך יידישע סאָלדאַטן.

אָט די יידן האָבן געבעטן ביי כורשן, דעם מלך פון פּערסיע אַ דערלויבעניש זיך אומקערן אין זייער לאַנד — אין ארץ ישראל.

כורש האָט זייער בקשה דערפילט, און זיי אַזאַ דערלויבעניש געגעבן.

אונטער דער אָנפירונג פון זרובבל (וועלכער האָט געשטאַמט פון דער יידישער קייזערליכער פאַמיליע) און פון כוהן יהושע, האָבן די יידן זיך צוריקגעקערט אין זייער לאַנד.

כורש האָט אויך באַשטימט זרובבלן אַלס פאַרוואַלטער אין ארץ ישראל און אים געגעבן ברייטע פולמאַכטן און פּריווילעגיעס.

## 20. די פאַרטריבענע קערן זיך אום

די עולים (אָנגעקומענע) פון בבל האָבן זיך באַזעצט אין דער אומגעגנט פון ירושלים, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַראָפּגעטריבן די פרעמדע פון דער יידישער ערד.

פיל שוועריקייטן און שטערונגען האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין פון זייערע שונאים ביים בויען דעם צווייטן בית המיקדש.

עס איז אַ צייט אויסגעקומען איינגאַנצן אָפּשטעלן די אַרבעט, איבער די מסירות פון די שומרונים — אַז יידן גרייטן דאָס אַ פעמטונג פאַר אַן אויפשטאַנד קעגן די פּערסער.

ענדלעך איז דער בית המיקדש אויפגעשטעלט געוואָרן. (516 פ א ר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג).

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער דער פירונג פון זרובבל און דעם כוהן יהושוע.

שפּעטער אָבער, ווען זרובבל האָט פאַרלאָזט ארץ ישראל, האָט זיך דאָרט די יידישע לאַגע פיל פאַרערגערט.

אום צו פאַרבעסערן זייער לאַגע האָבן פיל פון דער יידישער באַפעלקערונג אָנגעהויבן איבערנעמען דעם פרעמדן אַרט לעבן — די שפּראַך און די זיטן פון די ארומיקע ניט־יידישע איינוואוינער, און די געזעצן פון דער יידישער תורה זיינען אַלץ מער און מער פאַרגעסן געוואָרן.

## 21. פּורים

ניט בעסער איז דעמאָלט געווען די לאַגע אויך פון די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין אַנדערע לענדער פון דער גרויסער פּערסישער מלוכה.

אין דער צייט פון קעניג אחשוורוש האָט זיין ערשטער מיניסטער המן באַשלאָסן צו נעמען נקמה פון די פּערסישע יידן איבער זיין פאַרזענלעכן האַס צום יידן מרדכי.

ער האָט שוין געהאַט געפּועלט ביים קעניג צו פאַרניכטן אַלע יידן פון פּרס. אַ דאַנק אָבער דער יידישער פרוי אסתר, מרדכיס אַ קרובה, וואָס איז געוואָרן די פרוי פון קעניג — איז די גזרה אויף יידן בטל געוואָרן און אָנשטאָט מרדכין האָט מען, לויטן קעניגס באַפעל, אויפגעהאַנגען המנען.

צום אָנדענק פון אָט דעם געשעעניש פייערן די יידן יאָר ביי יאָר דעם טאָג פון 13־טן אדר — „פּורים”.

## 22. דער גרויסער פאָלקס־ראַט
### (כנסת הגדולה)

אין יענער צייט, ווען דאָס יידישע לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן בויען אויפסניי, האָט געלעבט אין בבל אַ גרויסער געלערנטער און איבערגעגעבענער ייד — עזרא.

מען האָט אים גערופן עזרא דער סופר, ווייל ער פלעגט צונויפ־

זאַמלען די יידישע הייליקע שריפטן, זיי אָרדנען אין באַזונדערע ספרים און זייער אינהאַלט לערנען און פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק.

מיט אַ גרויסער גרופּע יידן פון בבל האָט זיך עזרא געלאָזט קיין ירושלים, כדי אַליין העלפן שאַפן דאָס נייע יידישע לעבן אין ארץ ישראל.

ווען עזרא הסופר האָט דערזען דאָס טרויעריקע בילד פונם יידישן לעבן אין זייער לאַנד — האָט ער גענומען אויף זיך דאָס אַלעס אויס־צובעסערן.

צום אַלעם ערשטן האָט ער פאַרפליכטעט אַלע יענע יידן, וואָס האָבן געהאַט גוייִשע פרויען — זיי זאָלן זיי פאַרלאָזן און ווידער אָנ־הויבן לעבן לויט די געזעצן פון תורת־מושה.

עזרא איז אַזוי אַרום געוואָרן דער אָנפירער פון גייסטיקן לעבן פון פאָלק און דער אויפזעער פון צווייטן בית המיקדש.

---

אָבער אויך דאָס אויסערלעכע לעבן פון פאָלק און די פּאָליטישע לאַגע פון ארץ ישראל האָבן געפאָדערט פיל אָנשטרענגונגען און גרויסע רעפאָרמען, ווייל די גוייִשע שכנים האָבן מוראדיק געשטערט דעם ווידעראויפבוי פון יידישן פאָלק און פון יידישן לאַנד.

אויף דער בקשה פון די יידן האָט דער מלך פון פּערסיע דערלויבט זיין יידישן מיניסטער נ ח מ י ה ער זאָל גיין קיין ארץ־ישראל אויף אַ געוויסער צייט אַלס פאַרוואַלטער (פּחה) פון לאַנד.

פריער פאַר אַלעם איז די שטרעבונג פון נחמיהן געווען צו באַ־פעסטיקן דאָס לאַנד קעגן די מעגלעכע אָנפאַלן פון די אויסערלעכע פיינט; ער האָט צוליב דעם צוועק אויסגעבויט אַ שטאַרקע מויער־וואַנט אַרום ירושלים און אויך פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב, אי־בערהויפּט אין ירושלים.

דאַן האָבן עזרא און נחמיה געגרינדעט דעם „גרויסן פאָלקס־ראַט” (כנסת הגדולה), וואָס איז באַשטאַנען פון 120 מענטשן. דער „גרוי־סער פאָלקס־ראַט” האָט באַדאַרפט איינאָרדנען דאָס יידישע נאַציאָ־נאַלע לעבן; שאַפן שולעס פאַר גרויס און קליין, וואו אַלע זאָלן זיך קע־

נען אויסלערנען לייענען און שרייבן; אכטונג געבן מ'זאָל אָפּהיטן די געזעצן פון דער תורה און די דאָזיקע געזעצן צופּאַסן צום לעבן; גרינדן שולען אויף דאַוונען און לייענען אין די הייליקע ספרים, א. א. וו.

## 23. די גריכן

אַן ערך 300 יאָר פאַר דער אָנגענומענער ציילונג האָבן די גריכן איבערגעשטייגט מיט זייערע פעיקייטן אַלע אַנדערע פעלקער.

דער גרויסער מילחמה־מאַן אלכסנדר פון מאַקעדאָניע האָט באַזיגט די שטאַרקע פּערסישע מלוכה, אָפּגענומען ביי איר מערערע לענדער, ווי בבל, סיריע פּאַלעסטינע א. א.

אין מיצרים האָט ער אויפגעבויט די באַוואוסטע שטאָט אַלעקסאַנדריע, וועלכע האָט געשמט אַלס אַ גרויסער האַנדלס־צענטער ווי אויך אַלס אַ שטאָט פון חכמה און וויסנשאַפט.

אין די אַלע לענדער האָבן געוואוינט פיל יידן, וועלכע האָבן זיך געלעבט צופרידן אונטער דער הערשאַפט פון „גרויסן אלכסנדר".

נאָך אלכסנדרס טויט אָבער איז די גרויסע גריכישע מלוכה צעטיילט געוואָרן — און יהודה איז אַרונטער אונטער דער הערשאַפט פון קעניג פון מיצרים; די יידן ווידער וואָס האָבן געוואוינט אין בבל האָבן געהערט צום מלך פון סיריע.

די באַציונג צו יידן איז גראַד געווען אַ גוטע — באַזונדערס אין יהודה. דער פאָרשטייער פון די יידן איז געווען דער כוהן גדול. ער פלעגט דאָס אויך זאָרגן פאַר אַריינטראָגן דעם קעניג דעם יערלעכן שטייער פון יהודה.

צו יענער צייט איז געווען דער כוהן־גדול שימעון בן חוניו. ער האָט פיל אויפגעטאָן צו פאַרבעסערן דאָס אינערלעכע לעבן פון זיין פאָלק.

שימעון בן חוניו רעכנט זיך פאַר דעם לעצטן פון די מיטגלידער פון „כנסת הגדולה" און דער ערשטער פון די שפּעטערדיקע געלערנטע וואָס האָבן זיך גערופן „תנאים", אָדער די פאַרפאַסער פון דער „מישנה".

י. גאָלדשטיין

## 24. העלעניסטן און חסידים

די גאַנצע צייט, וואָס יהודה האָט געהערט צום קעניג פון מיצרים (איבער 100 יאָר) זיינען די סירישע קעניגן ניט געווען צופרידן מיט דער פאַרטיילונג.

זיי האָבן געטענהט, אַז יהודה איז אומאָפּטיילבאַר פון סיריע. און ענדלעך האָט סיריע טאַקע צוריק אָפּגענומען דאָס לאַנד יהודה.

די ערשטע מלכים (ווי פריער פון מיצרים) אויך פון סיריע האָבן זיך גוט באַצויגן צו יידן. די יידן זיינען געווען פריי אין זייער אינערלעכן לעבן אונטער דער פירונג פון כוהן גדול.

אַ סך יידן, באַזונדערס די רייכע מישפחות, האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די גריכן, וואָס האָבן געוואוינט אין יהודה, אָנגעפאַנגען גיין אין זייערע וועגן, ריידן זייער שפּראַך, אָננעמען זייערע מינהגים און זייער אויסגעלאַסענעם אַרט לעבן.

געווען אָבער אַנדערע יידן, וואָס האָבן דאָס ניט געקאַנט פאַרליידן. און עס זיינען אַזוי אַרום אַנטשטאַנען צוויי פּאַרטייען: העלעניסטן (ליבהאָבער פון גריכישן אַרט לעבן) און חסידים (פרומע).

צווישן אָט די צוויי פּאַרטייען פלעגט אָפט קומען צו גרויסע קאָנפליקטן און סיכסוכים.

באַזונדערס שרעקלעך איז געוואָרן די לאַגע פון יהודה, ווען דער רשע אַנטיוכוס עפּיפאַנעס איז געוואָרן קעניג: ער האָט געוואָלט מאַכן אַלע יידן פאַר גריכן און האָט אַפילו אוועקגעשטעלט אַ געץ אין בית המיקדש.

אין אָט דער שענדלעכער אַרבעט האָט דער רשע אַנטיוכוס אויסגענוצט די העלעניסטן און זייערע מיאוסע מסירות אויף זייערע אייגענע ברידער.

פיל יידן האָבן זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין די גריבער און אין די מידבריות און אַזוי אַרום אָפּהיטן די תורה; פיל זיינען צוליב דעם אומגעקומען אויף קידוש השם. אַזוי איז דער אַלטער **אליעזר** אומגעקומען, ווייל ער האָט קיין חזיר ניט געוואָלט עסן און די יידישע פרוי,

ה נ ה, מיט אירע זיבן קינדער זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן לויטן באַ־פעל פון אכזריותדיקן אנטיוכוס, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלאָזן די יידישע תורה.

## 25. די חשמונאים

אין אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען מודיעין (אין דער אומגעגנט פון ירושלים) האָט צו יענער צייט געלעבט דער אַלטער כוהן מ ת ת י ה ו פון דער חשמונאים־מישפּחה, מיט זיינע פינף זין.

ווי אין אַלע יידישע שטעט זיינען אויך אַהין אָנגעקומען דעם קעניגס שלוחים, האָבן אַוועקגעשטעלט אין מיטן שטאָט אַן אָפּגאָט און געצוואונגען די יידישע באַפעלקערונג צו געצנדינעריי.

דער אַלטער מתתיהו האָט דאָס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און אויפן אָרט דערשטאָכן אַ פאַרעטערישן יידן, וואָס האָט געוואָגט מקריב צו זיין אַ קרבן צום אָפּגאָט.

דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהויב פון אַ מוראדיקן אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון אַלטן מתתיהו און שפּעטער — פון זיין העלדישן זון י ה ו ד ה ה מ כ ב י.

יהודה מיט זיינע גיבורים האָבן צעשמעטערט איינס נאָך איינס די מחנות פון די גריכן, וואָס אנטיוכוס האָט געשיקט אַקעגן די יידן.

ענדלעך האָט יהודה ארויסגעיאָגט די גריכן פון ירושלים, אָפּגעריי־ניקט פון די געצנבילדער און באַנייט דעם בית המיקדש.

אַ כ ט טעג האָט מען געפייערט אָט דעם גראַנדיעזן ניצחון. דער יום־טוב הייסט „חנוכה”. און אויך היינט איז דער יום־טוב „חנוכה” וואָס מ׳יר פייערן אַלע יאָר (פון 25־טן כסלו) צום אָנדענק פון יענער צייט — איינער פון די שענסטע און פריילעכסטע נאַציאָנאַלע פייע־רונגען.

## 26. יהודהס טויט — זיינע ברידער

צענדליקער יאָרן האָט אָנגעהאַלטן דער שרעקלעכער געראַנגל פון די חשמונאים קעגן די גריכישע שונאים, פאַר דער פרייהייט פון יידישן פאָלק.

## י. גאָלדשטיין

אויך די אינערלעכע פיינט פון צווישן די יידן גופא האָבן אָנ־געגרעדט דעם סירישן קעניג ער זאָל שיקן אלעמאָל פרישע חילות (אַר־מייען) קעגן יהודהן.

און איינמאָל זיינען פּלוצלינג אָנגעפאַלן אויף יהודהן מוראדיקע מחנות חיל פון די גריכן. יהודה האָט דאַן פאַרמאָגט בלויז אייניקע הונדערט יידישע העלדן — און אָט אין דעם אומגליקלעכן קאַמף איז יהודה אומגעקומען פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין לאַנד. (160 פאַר דער אָנגענומענער ציטרעכנונג).

זיין אָרט האָט פאַרטראָטן זיין ברודער י ו נ ת ן.

יונתן איז חוץ זיין העלדישקייט אויך געווען א קלוגער און זייער באַגאַבטער פּאָליטיקער.

אין יענער צייט זיינען אין סיריע פאָרגעקומען זייער אָפטע און ערנסטע אינערלעכע סיכסוכים. דאָס זיינען געווען די רייסערייען צווישן די יורשים פון אנטיוכוס איבער דער מלוכה־מאַכט. יעדער פון די פאַר־שידענע צדדים האָט געוואָלט האָבן יונתן אויף זיין זייט. דער קלוגער יונתן האָט גלענצנד אויסגענוצט די אינערלעכע מהומות אין סיריע לטובת זיין פאָלק; אָפּגענומען שטיקער יידיש לאַנד ביי די סיריער און אזוי ארום געוואָרן דער מעכטיקער פירער פון יהודה.

ווען יונתן איז געפאַלן אין קריג, האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען זיין ברודער — ש י מ ע ו ן.

שימעון איז געוואָרן כוהן גדול און נשיא (עטנאַרך) פון דער פרייער חשמונאים־מלוכה. זיין זון, דער העלדישער י ו ח נ ן־ה ו ר ק נ ו ס, האָט זיך גאָר אינגאַנצען באַפרייט פון סירישן יאָך און געשאַפן א זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה, פאַר וועלכער די ארומיקע וועלט האָט מורא געהאט.

צווישן די פילע רעפאָרמען, וואָס יוחנן־הורקנוס האָט איינגעפירט איז אויך צו רעכענען דעם גרויסן מלוכה־ראַט ס נ ה ד ר י ן, וואָס איז אין זיין צייט געשאַפן געוואָרן.

## 27. צדוקים און פרושים

די ווירקטיקסטע פארטייען צו יענער צייט זיינען געווען די צדוקים און די פרושים. (עס איז אויך געווען די איסיים־פארטיי, אָבער איר פּאָליטישע ראָל איז געווען אומבאדייטנד).

ביי די פרושים איז געווען דער עיקר דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן; זיך פירן און לעבן לויט די געזעצן פון דער תורה — דאָס איז דער ציל, און דאָס פרייע פּאָליטישע לעבן — איז מער ניט אַ מיטל דערצו. די פּאָליטישע פרייהייט פון פאָלק איז, לויט די פרושים, אויף אזוי פיל ווירקטיק, אויף וויפל דאָס דערמעגלעכט און פארלייכטערט דאָס יידישע נאַציאָנאַלע רעליגיעזע אויפפירן זיך.

צו דער פארטיי פון די פרושים האָט געהערט דער גרעסטער טייל פון פאָלק.

די צדוקים זיינען געווען הויפּטזעכלעך די רייכע יידן און די, וואָס האָבן געהאט שטעלעס אין דער מלוכה. ביי זיי איז שוין געווען דער עיקר די פּאָליטישע פרייהייט און דאָס זעלבסטשטענדיקע מלוכה־לעבן.

צווישן אָט די צוויי גרעסטע פארטייען זיינען תמיד פאָרגעקומען רייסערייען און שפעטער איז די שינאה אויך אריינגעדרונגען צווישן פאָלק, וואָס איז אין זיין רוב, געווען פּרושים, און צווישן קעניג, וואָס איז מייסטנס געווען נוטה צו די צדוקים.

יוחנן הורקנוס איז געווען געניגט צו דער פאַרטיי פון די צדוקים. נאָך מער צדוקי איז געווען דער זון זיינער אריסטאָבול, וואָס האָט אָנשטאָט „נשיא" זיך גענומען דעם טיטל „מלך". אָבער דער גרעסטער שונא פון די פּרושים איז געווען אַריסטאָבולס ברודער — אַלכסנדר ינאי. און כאָטש ער האָט אין זיין צייט פיל אויפגעטאָן פאַר דער זיכערקייט פון לאַנד — דאָך האָט אים דאָס פאָלק שטאַרק פיינט געהאט.

נאָך זיין טויט האָט געקעניגט זיין פרוי שלומית. אין איר צייט איז דער בירגער־קריג צווישן די פאַרטייען שטילער געוואָרן.

צוזאַמען מיט איר ברודער, דעם געלערנטן ש י מ ע ו ן ב ן ש ט ח, דער פּאָרזיצער פון סנהדרין, האָט זי פיל אויפגעטאָן אין לאַנד, באַזונדערס פאַר דער פאָלקס־בילדונג. מען האָט געגרינדעט שולן אין די גרעסערע שטעט און געצוואונגען די עלטערן צו שיקן אהין זייערע קינדער.

## 28. דער ברודער־קריג

נאָכן טויט פון ש ל ו מ י ת האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריג איבער דער מלוכה־מאַכט צווישן אירע צוויי זין הורקנוס און אריסטאבול (דער צווייטער).

לויט אַן אָפּמאַך צווישן די ברידער איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער עלטערער, הורקנוס, וועלכער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, זאָל זיין כוהן גדול און דער קריגערישער אריסטאבול — קעניג.

דער סיכסוך האָט זיך אָבער ווידער באַנייט צוליב דעם, וואָס הורקנוס האָט זיך געלאָזט אָנריידן פון אַנטיפּאַטערן (אַ גוי, וואָס האָט זיך מגייר געווען), אַז די אַראַבער וועלן אים העלפן צוריק צו דער־ווערבן די מלוכה־מאַכט.

די רוימער, אונטער דער אָנפירונג פון פּאָמפּעי, האָבן דער־זוייל אויסגענוצט אָט די אינערלעכע אומאָרדנונגען פון יהודה, צו ארויפצווינגען זייער ממשלה אויפן יידישן לאַנד.

אויך דאָס מאָל האָט זיך הורקנוס געלאָזט פאַרפירן פון דעם פאַלשן אַנטיפּאַטער און געהאָלפן די רוימער קעגן זיין ברודער אריס־טאבול.

מיט דער הילף פון הורקנוס און זיינע אָנהענגער האָבן די רוימער זיך אריינגעריסן אין לאַנד — און אזוי ארום האָט גענומען אַן ענדע צו דער יידישער פרייהייט: די יידן זיינען אונטערגעפאַלן אונטערן יאָך פון דער מעכטיקער רוימישער ממשלה.

הורקנוסן האָבן די רוימער באַשטימט בלויז אלס „נשיא” און

אָפּגעשאַפט דעם טיטל „מלך״. דער פאַקטישער פירער פון יהודה איז אָבער געוואָרן אַנטיפּאַטער.

אַריסטאָבול מיט זיין פאַמיליע זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן געפאַנגען קיין רוים.

די זין פון אַריסטאָבול האָבן נאָך באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון רוימישן געפענקעניש; זיי האָבן אַפילו געזאַמלט אַ מעכטיגע אַרמיי און איין צייט אויך באַזיגט ירושלים.

די רוימער אָבער האָבן צוריק אָפּגענומען ירושלים; זיי האָבן געזאָרגט איבערצוגעבן די פאַרוואַלטונג פון פאַרשידענע אָפּגעריסענע טיילן פון יהודה אין זיכערע הענט, דאָס הייסט צו אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען נוטה צו רוים.

אַזעלכע זיינען געווען די זין פון פאַלשן אַנטיפּאַטער, וועלכער האָט געוואוסט זיך צו קויפן די פריינטשאַפט פון די רוימער.

איינער פון אַנטיפּאַטערס זין — דער אכזר הורדוס, האָט דורך טייכן יידיש בלוט אויסגעראָטן די לעצטע רעשטלעך פון דער חשמונאים־מישפּחה און אַזוי אַרום זיך דערוואָרבן די מלוכה איבער יהודה.

## 29. הורדוס און זיין פאַמיליע

ווען הורדוס איז געוואָרן קעניג פון יהודה, איז די ערשטע אַרבעט זיינע געווען — אָפּרוימען פון זיין וועג די פאַרבליבענע מיטגלידער פון דער פאַמיליע „חשמונאים״, ווי אויך אַלע אַנדערע פריינט פון דער יידישער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

אין דער דאָזיקער שטרעבונג איז הורדוס אַזוי ווייט אוועק, אַז ער האָט אויך דערמאָרדעט זיין פרוי מ ר י ם, וואָס האָט געשטאַמט פון דער חשמונאים־פאַמיליע און די צוויי קינדער, וואָס זי האָט אים געבוירן.

כדי צו דערווערבן נאָך מער די ליבע און צוטרוי פון די רוימער, פלעגט ער אויך די פאַרמעגנס פון די דערמאָרדעטע אַוועקפירן אַלס מתנה דעם רוימישן קיסר.

אָבער וואָס גרעסער און ברייטער עס זיינען געווען די פולמאַכטן, וואָס די רוימער האָבן פאַרטרויט הורדוסן און וואָס מער דאָס לאַנד יהודה האָט זיך פאַרגרעסערט אונטער זיין מאַכט — אַלץ שטאַרקער האָבן די יידן אים פיינט געהאַט.

די שינאה פון פאָלק צו הורדוסן איז געוואַקסן ניט קוקנדיק אויך אויף דעם, וואָס ער האָט זיך באַמיט אויף פאַרשידענע דרכים דעם פאָלק צו געפעלן.

אומזיסט האָט זיך אָט דער מערדערישער הורדוס באַמיט צו פאַרשענערן די שטאָט ירושלים אויף אַלערליי אופנים, אומזיסט איז אויך געווען זיין אומדערמידלעכע ארבעט פאַר דעם פרעכטיקן אויס־שטאָטן פון צווייטן בית המיקדש — דאָס פאָלק האָט זיך באַצויגן מיט טיפער פאַראַכטונג און פאַרביסענעם האַס צו דעם זון פון פאַלשן אַנטיפּאַטער.

## 30. הילל און שמאַי

אין שפּיץ פון ס נ ה ד ר י ן זיינען דעמאָלט געשטאַנען צוויי גרויסע געלערנטע — ה י ל ל און ש מ אַ י.

דאָס זיינען געווען צוויי קאָנטראַסטן, צוויי קעגנזעצלעכע כאַ־ראַקטערן: הילל איז געווען פון בבל און איז געווען די פאַרקערפּע־רונג פון פרידן און גוטמוטיקייט; שמאַי האָט געשטאַמט פון ארץ־ישראל און איז געווען אַ שטרענגער מענטש און אַ גרויסער פאַנאַטי־קער — אין דער רעליגיע ווי אין דער פּאָליטיק.

די נאָכפאָלגער פון שמאַי האָבן זיך עפנטלעך אַקעגנגעשטעלט די רוימער און זייער פאַרטרעטער הורדוס.

עס איז געקומען צו שרעקלעכע בלוט־פאַרגיסונגען, אין וועלכע הורדוס האָט אַרויסגעוויזן זיין אמת חיהשע בלוטדורשטיקייט און ווילדע אכזריות.

אָט די קרענקלעכע אכזריות און בלוטדורשטיקייט פון דעם שלעכטן הורדוס האָט געשטיגן צוזאַמען מיט דעם טיפן האַס און פאַר־ביסענער שינאה, וואָס דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט געפילט צו

זיין הענקער — צו דעם „אדומישן קנעכט” — ווי דאָס פֿאָלק האָט אים גערופֿן.

ווען הורדוס איז געשטאָרבן (4 יאָר לויט דער אָנגענומער צייט־רעכנונג) — איז דאָס געווען אַ שימחה און אַ גרויסער פֿייערטאָג פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק.

## 31. הורדוסעס יורשים

נאָך הורדוסן האָט געקעניגט זיין זון אַ ר כ י ל אַ ס. ער איז ניט געווען בעסער פֿון זיין פֿאָטער. די אויפֿרעגונג פֿון פֿאָלק קעגן אים פֿלעגט ער דערשטיקן דורך שרעקלעכע בלוט־פֿאַרגיסונגען מיט דער הילף פֿון די רוימישע סאָלדאַטן.

דאָס האָט אָבער געבראַכט צו אַן אָפֿענעם אויפֿשטאַנד אונטער דער אָנפֿירונג פֿון י ה ו ד ה ה ג ל י ל י. די רוימישע מלוכה האָט אויסגענוצט די אינערלעכע מהומות — האָט אינגאַנצן אָראָפּגעזעצט ארכילאַסן, איבערגעגעבן די פֿאַרוואַלטונג פֿון יהודה אין די הענט פֿון אַ רוימישן גובערנאַטאָר אין קעסאַריע (ניט ווייט פֿון ירושלים).

---

אויף אַ קורצער צייט האָט זיך ווידער אַ ווייז געטאָן די זון פֿון פֿרייהייט אויף די פֿאַרוואָלקנטע הימלען פֿון יהודה.

אַן אייניקל פֿון הורדוסן און מרים, מיטן נאָמען אַ ג ר י פּ אַ, האָט זיך דערצויגן אין רוימישן קייזערלעכן הויף, צוזאַמען מיטן רוימישן פּרינץ ק אַי ק אַ ל י ג ו ל אַ.

ווען דער לעצטער איז געוואָרן קיסר אין רוים, האָט ער באַשטימט זיין חבר אַ ג ר י פּ אַ אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון ג ל י ל. נאָך קאַליגולאַס טויט איז אַגריפּאַ געוואָרן „מלך” פֿון גאַנץ יהודה, כמעט אַ זעלבסטשטענדיקער הערשער — און עס האָט זיך ווידער באַוויזן די האָפֿנונג גאָר אינגיכן זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם עול פֿון פֿרעמדע.

אַגריפּאַ האָט זיך באַפֿריינדעט מיטן פֿאָלק, זיך דערנענטערט צו די פּרושים; דאָס פֿאָלק האָט אים זייער ליב געהאַט און צוזאַמען מיט אים געוועבט די שענסטע האָפֿנונגען פֿון פֿרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

אָבער מער ניט ווי פיר יאָר האָט געדויערט אַגריפּאַס מלוכה, ער איז געשטאָרבן און זיינע גרויסע האָפנונגען זיינען ניט מקוים געוואָרן.

## 32. די קנאים (זעלאָטן)

דער זון פון אַגריפּאַ — אַגריפּאַ דער צווייטער, איז שוין מער ניט געווען קיין „מלך". ער האָט מער ניט געהאַט די רעכט פון אַן אמתן פאַרוואַלטער. די פאַרוואַלטונג איבער יהודה איז ווידער אַריבער אין די הענט פון די רוימישע גובערנאַטאָרן.

די גריכישע איינוואוינער אין די יידישע שטעט האָבן אָנגעהויבן דריקן און באַליידיקן די יידן. אַגריפּאַ דער צווייטער איז געווען ווייניק מוטיק און איז גיך אונטערגעפאַלן די רוימער.

דאַן האָט זיך געשאַפן אַ פּאַרטיי מיטן נאָמען „קנאים" אָדער ז ע ל אָ ט ן. וואָס מער די רוימישע פאַרוואַלטער האָבן די פּאַרטיי געוואָלט אויסראָטן, אַלץ מער איז געוואַקסן די צאָל פון אירע מיט־גלידער, אַלץ מער האָט געשטיגן ביי זיי דער מוט און די פעסטע אַנטשלאָסנהייט אויסצוקעמפן די יידישע פרייהייט.

חוץ די רוימישע שונאים האָבן די קנאים מוראדיק געהאַסט אויך די רייכע און די זעלבסטצופרידענע פון יידישן פאָלק גופא. אַט די רייכע זיינען אויסן געווען בלויז זייער אייגענע טובה; זיי האָבן מפקיר געווען די אינטערעסן פון זייער פאָלק צוליב אייגננוצן און האָבן דורכויס שלום געמאַכט מיט די אונטערדריקער פון זייערע ברידער.

עס איז געקומען צו אַ שרעקלעכער שלאַכט צווישן רוימישע לע־גיאָנערן און די מחנות פון די קנאים, וועלכע האָבן דאָס מאָל באַוויזן זייער גבורה און העלדישקייט און פאַרטריבן די רוימער פון ירושלים.

דער דאָזיקער ניצחון האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זייערע ארמייען אונטער דער אָנפירונג פון די גיבורים ש י מ ע ו ן ב ן ג י ו ר א און י ו ח נ ן פון ג ו ש ח ל ב.

דאָס פאָלק האָט זיך געגרייט צו אַן אַנטשיידנדיקער שלאַכט; די יוגנט האָט זיך מיט גרויס התמדה געלערנט מילחמה־קונסט (תכסיסי־

מילחמה). גאַנצע ביכער זיינען פאַרפאַסט געוואָרן צו דערמוטיקן דאָס פאָלק צו אָט דער קומענדיקער שלאַכט.

אין שפּיץ פון סנהדרין איז דאַן געשטאַנען רבן שׁ י מ ע ו ן ב ן ג מ ל י א ל, וועלכער האָט געשטאַרקט דאָס פאָלק און אים דערמוטיקט צו אַ פאַרביסענער מילחמה פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

## 33. דער אויפשטאַנד

ווייט ניט אַלע מיטגלידער פון סנהדרין גופא זיינען געווען איינשטימיק מיט די קנאים; אַ טייל פון זיי האָבן נוטה געווען צו אַ צווייטער פּאַרטיי, וועלכע איז געווען פאַר פרידן מיט די רוימער.

יוסף, דער זון פון מתתיהו, אָדער — ווי מען האָט אים שפּעטער גערופן — יוסיפוס פלאַוויוס, איז פון סנהדרין באַשטימט געוואָרן אַלס פירער פון דער אַרמיי אין גליל.

אָבער ניט נאָר איז ער ניט געווען מיט איין געדאַנק מיט די קנאים, נאָר פאַרקערט, ער איז געווען קעגן דער מילחמה מיט די רוימער און שפּעטער אפילו אויך מיטגעהאָלפן די רוימער אום זיי צו געפעלן.

דער רוימישער הערשער נ ע ר א ן האָט געשיקט קיין יהודה זיינע בעסטע לעגיאָנען אונטער דער אָנפירונג פון גענייטן קריגפירער וו ע ס פּ אַ ס י אַ ן און זיין זון ט י ט ו ס.

מיט זיי איז אויך מיטגעקומען אַגריפּאַ דער צווייטער, צו צעשטערן דעם פּלאַן פון די קנאים.

אומזיסט האָבן די העלדישע יידן פון גליל מקריב געווען זייער לעבן באַשיצנדיק ביזן לעצטן אָטעם די יידישע פעסטונגען — יוסיפוס פלאַוויוס, אַגריפּאַ דער צווייטער און די איבעריקע פאַרעטער פון פאָלק האָבן צונישט געמאַכט אַלע זייערע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און העלדישע קרבנות.

וועספּאַסיאַן איז לייכט אריין קיין גליל, איינגענומען איין פעס־

טונג נאָך דער צווייטער; אויך יוסיפוס פלאַוויוס איז שפּעטער גע־וואָרן זאָגאַר דער ראַטגעבער פון טיטוסן...

דערזעענדיק זיך אין אַזאַ אומגליקלעכער און פאַרצווייפלטער לאַגע, איז יוחנן פון גוש חלב מיט זיינע פאַרבליבענע מענטשן אַנטלאָפן קיין ירושלים.

די פאַרביטערונג פון די קנאים האָט וואָס ווייטער אַלץ מער גע־שטיגן; זייער קאַמף קעגן די אַלע, וועמען זיי האָבן חושד געווען אין אומצוטרוי, איז געוואָרן אַלץ פאַרביסענער און אומבּרחמנותדיק.

אַזוי אַרום איז אין דער דעמאָלט גרויסער און פּראַכטפולער ירושלים אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכער און בלוטיקער בירגער־קריג צווישן יידן פון צוויי קעגנערישע פּאַרטייען.

## 34. דער צווייטער חורבן

וועספּאַסיאַן איז געוואָרן קיסר פון רוים. ער האָט זיין זון טיטוסן געשיקט אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער אַרמיי קיין יהודה; דער פאַרע־טער יוסיפוס פלאַוויוס איז געווען זיין וועגווייזער.

טיטוס האָט געפּרוּווט צו ווירקן אויף די אַנטשלאָסענע קנאים מיט גוטן; ער האָט זיי געוואָלט פאַרזיכערן, אַז מער ווי שטייערן פאָדערט ער ניט פון זיי. די קנאים אָבער האָבן זיך ניט געלאָזט איינ־רעדן, און זיי האָבן פעסט באַשלאָסן צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

ווען טיטוס האָט געזען די אייזערנע איינגעשפּאַרטקייט פון די קנאים, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז אין אַן אָפענער שלאַכט וועט ער ניט זיגן — און ער האָט באַשלאָסן צו נעמען די מורדים דורך הונגער.

ער האָט פאַרשטעלט אַלע וועגן, וואָס פירן קיין ירושלים און ניט צוגעלאָזט אין שטאָט קיין עסנוואַרג.

צו דעם אַלעמען האָבן זיך נאָך מער פאַרשאַרפט די אינערלעכע מחלוקתן צווישן די באַלאַגערטע זעלבסט. ביכדי אַלע איינוואוינער

זאָלן זיין געצוואונגען מילחמה צו האַלטן און ניט האָבן קיין אַנדער אויסוועג — האָבן די קנאים אַליין פאַרניכטעט די ברויטלאַגערס, פאַרברענט די תבואה־שפּייכלערס פון שטאָט.

ווען די באַלאַגערטע זיינען שוין געווען אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון שרעקלעכן הונגער, ערשט דעמאָלט האָבן די רוימער אָנגעהויבן שטורמען די אויסגעמאַטערטע שטאָט. זיבעצן טאָג אין תמוז זיינען די רוימער אַריין אין ירושלים און געמאַכט אַ מוראדיקע שחיטה איבער יונג און אַלט.

די קנאים האָבן דערביי אַרויסגעוויזן איבערמענטשלעכע גבורות און העלדישקייט. אָבער נײַן טאָג אין אָב האָט זיך די רוימער איינגעגעבן אונטערצינדן דעם בית־המיקדש — און יהודה איז געפאַלן (70 יאָר לויט דער אָנגענומענער צייטרעכנונג).

מיט גרויס טריומף האָט זיך טיטוס אומגעקערט קיין רוים. מען האָט פאַר אים דאָרט אויפגעשטעלט אַ טריומף־טויער. פאַרויס האָט מען געפירט געשמידט אין קייטן די פאַרבליבענע גיבורים פון גליל און אין דער שפּיץ די צוויי לעבנפאַרבליבענע העלדן־פירער — שימעון בר גיורא און יוחנן פון גוש חלב.

דער פאַרעטער פלאַוויוס האָט באַקומען פון די רוימער דעם פאַר־בלוטיקטן לוין פאַר זיין פאַרעטערישער דינסט — ער האָט באַקומען גרויסע נחלאות אין יהודה און אַ פּראַכטפולן פּאַלאַץ אין רוים.

אין זיין בוך „מילחמות היהודים" („די יידישע מילחמות") באַ־שרייבט ער זעלבסט זיינע נידערטרעכטיקע מעשים און שמוצט מיט כלערליי שקרים דעם כבוד פון די קעמפער פאַר פרייהייט.

דער אמת איז אָבער, אַז בלויז זיין נאָמען בלייבט פאַראַכטעט ביי זיין פאָלק און דער אָנדענק פון יענע גיבורים וועט תמיד לייכטן ווי די לייכטנדיקע שטערן אויף דעם וועג פון דער יידישער גאולה.

## 35. בר - כוכבא

די בליענדע יהודה איז אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקלעכער וויסטעניש. די יידן וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן זיינען

געווען גענצלעך דערשלאָגן אין אַלע הינזיכטן. די לאַגע איז געווען האָפנונגסלאָז: קיין איין ליכטיקער פונק אין דער צוקונפט — בלויז אַ טיפע אומענדלעכע פינסטערניש.

דאָס יידישע פאָלק אָבער האָט אויך אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין אומגליק געפונען אין זיך די נויטיקע קרעפטן און אויסערגעוויינלעכן אויסדויער.

דעם געלערנטן רבן יוחנן בן זכאי האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען פון טיטוסן אַ דערלויבעניש אוועקצושטעלן אין יבנה אַ סנהדרין און אַ גרויסע ישיבה אונטער זיין אָנפירונג. דאָס איז געווען די איינציקע רעטונג, וואָס האָט פאַרהיט דאָס פאָלק פון אַ פולקאָמען אונטערגאַנג.

דער גייסט פון מרידה אַקעגן דער פאַרשקלאַפונג פון פאָלק האָט אָבער אויך שפּעטער זיך געגעבן צו פילן — און די רוימישע קיסרים פלעגן צומאָל מוזן פאַרלייכטערן דעם שווערן יאָך, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר מעגלעכע אויפשטאַנדן.

אַזאַ פאַרלייכטערונג איז אויך אין אָנפאַנג געווען אין דער באַציונג פון רוימישן קיסר א ד ר י א ן. ער האָט אַפילו געהאַט געגעבן אַ דערלויבעניש ווידעראויפבויען דעם בית־המיקדש אין ירושלים. ער האָט אָבער באַלד די דערלויבעניש צוריקגענומען אזוי גיך ווי אים האָט זיך שוין געדוכט, אַז די רעבעלן (מורדים) האָבן זיך באַרויקט און זיך גענצלעך אונטערגעגעבן.

דאַן האָט ער אָנגעהויבן נאָכמער דריקן דאָס פאָלק, אויך דעם נאָמען פון ירושלים האָט ער געענדערט אויף „עליא קאַפּיטאָלינא”.

די געדולד פון פאָלק האָט ענדלעך געפּלאַצט. דער גייסט פון די ח ש מ ו נ א י ם און פון די ק נ א י ם האָט ווידער אויפגעוואַכט און ווידער האָט אויסגעבראָכן אין פאָלק אַ רעוואָלוציע.

דער אָנפירער פון דעם איצטיקן אויפשטאַנד איז געווען דער העלדישער ב ר ־ כ ו כ ב א („דער זון פון שטערן” — 132 לויט דער אָנגענומענער צייטרעכנונג). אויף זיין זייט איז אויך געווען דער גרויסער תנא ר ב י ע ק י ב א.

בר־כוכבא האָט צעשלאָגן דאָס רוימישע ח י ל, וואָס איז פאַר־בליבן צו היטן די אָרדנונג אין יהודה און האָט אַליין איבערגענומען די מאַכט אין יהודה און גליל.

זעקס יאָר איז יהודה ווידער געווען אַן אומאָפּהענגיקער און זעלבסטשטענדיקער שטאַט.

אַדריאַן האָט דאַן געשיקט זיין בעסטן גענעראַל ס ע וו ע ר ו ס. ב י ת ר האָט געהייסן די פעסטונג, פון וואַנען די יידן האָבן דעמאָלט ארויסגעוויזן אַן אייזערנעם ווידערשטאַנד.

אָבער אויך דאָס מאָל האָט איינער אַ ב ו ג ד (פאַרעטער) פון די ש ו מ ר ו נ י ם פאַראטען — ער האָט דעם שונא אָנגעוויזן אַ פאַרבאָרגענעם וועג, וואָס פירט אין פעסטונג, און די רוימער האָבן אהין אריינגעדרונגען. דאַן איז אויך געפאַלן דער פאָלקס־העלד בר־כוכבא.

עס האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די מוראדיקע רדיפות אויף יידן. דער שרעקלעכער שונא פון יידישן פאָלק — דער בלוטדורשטי־קער אַדריאַן, האָט דאַן אויסגעגאָסן אינגאַנצן זיין אכזריות און ברע־נענדיקן כעס אויף יידן. ער האָט באַשלאָסן אויסרייסן מיטן וואָרצל די יידישע אמונה. די אַלע, וואָס האָבן געוואָגט צו לערנען און פאַר־שפּרייטן די יידישע תורה, האָט מען פאַרמישפּט צום טויט דורך שרעק־לעכע עינויים.

אויך רבי עקיבא איז דאַן אומגעקומען דורך אַ גרויזאַמען טויט. ער איז געווען איינער פון די צען גרויסע געלערנטע יידן (עשרה הרוגי מלכות), וואָס מען האָט באַשטראָפט מיט טויט נאָך דעם אויפשטאַנד.

דעמאָלט איז אויך חרוב געוואָרן די שטאָט ביתר.

## 36. די נשיאים (פאַטריאַרכן)

נאָך אַדריאַנס טויט איז די יידישע לאַגע געוואָרן עטוואָס לייכ־טער. פיל פון די יידישע געלערנטע האָבן זיך ווידער באַזעצט אין גליל. דאָרט אין גליל איז געוואָרן אַ גייסטיקער צענטער אין דער שטאָט

א ו ש א, וואו עס איז געווען דאָס וואוינאָרט פון נשיא און פון דעם סנהדרין. דער נשיא איז געווען דער פאָרשטייער פון פאָלק און אויך דער פאָרזיצער פון סנהדרין; זיין רוימישער טיטל איז געווען „פאַט־ריאַרך".

פון די שפּעטערדיקע גרויסע נשיאים איז צו רעכנען ר ב י י ה ו ד ה ה נ ש י א, וועלכער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע שריפטן פון די „תנאים" און די זאַמלונג גערופן „מישנה" (200 יאָר לויט דער אָנ־גענומענער צייטרעכנונג).

די יידישע געלערנטע פון די שפּעטערע צייטן האָבן זיך גערופן „אמוראים".

ווען די רוימער האָבן אין 4־טן יאָרהונדערט אָנגענומען די קריסט־לעכע אמונה — אלס די הערשנדיקע — האָט זיך די יידישע לאַגע פאַרערגערט. יידן האָבן געזוכט אַ מקום מיקלט פון די קריסטן אין פאַרשידענע לענדער.

די יידן האָבן אָבער קיינמאָל ניט אויפגעגעבן זייער האָפנונג אויף ווידעראויפלעבונג אין זייער לאַנד.

# III
# די ייִדן אין די גלות־לענדער




3) מאַפּע פון אַלטע יידישע ישובים אין אייראָפּע

## 37. דער יידישער צענטער אין בבל

די גרויסע צאָל יידן וואָס זיינען פאַרבליבן אין בבל האָבן דאָרט געלעבט רויק. אין דער צייט פון די גריכיש־רוימישע שלאַכטן ווי אויך אין דער צייט פון די אויפשטאַנדן פון די קנאים און בר־כוכבאס חילות זיינען צוגעקומען קיין בבל פיל אַנדערע יידישע פליכטלינגע.

דער פאָרשטייער פון די יידן פאַר דער מאַכט איז געווען דער „ראש־הגולה" (עקסילאַרך). דער כבוד און די השפּעה פון דעם עקסי־לאַרך איז געווען זייער גרויס — דאָס האָט געדינט אַלס אָנדענק פון דער אַמאָליקער יידישער מלוכה.

אויך איז געווען זייער גרויס אין בבל דער כבוד התורה. אין די גרעסערע שטעט האָבן עקזיסטירט ישיבות (אַקאַדעמיעס), וועלכע האָבן אַנטוויקלט דאָס יידישע געזעץ און אים פאַרשפּרייט אין פאָלק.

פונקט ווי ר' יהודה הנשיא האָט איינגעאָרדנט און פאַרענדיקט דאָס גרויסע ווערק פון די תנאים — די „משנה", אַזוי האָט אויך דער געלערנטער ר ב א ש י און זיינע נאָכפאָלגער צונויפגעזאַמלט די אַלע ווערק פון די געלערנטע אין בבל (אמוראים), זיי געאָרדנט אין די ביכער וואָס טראָגן דעם נאָמען „תלמוד בבלי", אָדער „גמרא" (500 יאָר לויט דער אָנגענומענער צייטרעכנונג).

און אַזוי איז דאָס געשען, אַז גראַד דאַן, ווען דער יידישער צענטער אין ארץ־ישראל האָט פאַרלוירן זיין אַמאָליקע ה ש פ ע ה — איז בבל געוואָרן דאָס צווייטע ארץ־ישראל פאַרן יידישן פאָלק.

## 38. די קראים (קאַראַאימען)

איין צייט האָבן די פּערסן, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין בבל גע־וואָלט צווינגען די יידן זיי זאָלן אָננעמען זייער גלויבן.

די יידן האָבן דאַן אַרויסגעוויזן אַ באַוואפנטן ווידערשטאַנד, אונ־טער דער אָנפירונג פון מ ר ז ו ט ר א ן.

מר זוטרא האָט געשאַפן אַ מלוכה אין דער שטאָט מ ח ו ז א. זיבן יאָר האָט אָנגעהאַלטן די דאָזיקע מלוכה. ענדלעך איז זי אָבער צעשטערט געוואָרן דורך די פּערסישע ארמייען. אויך מר זוטרא איז ד׳עמאָלט אומגעקומען (520 י. לויט דער אָנגענומענער צייטרעכנונג).

די יידן האָבן דאַן געהאָלפן דער אראַבישער ארמיי קעגן די פּערסן. אַזוי ארום האָבן יידן ווידער געקראָגן זייערע פריערדיקע רעכט, וואָס די פּערסן האָבן שוין געהאַט ביי זיי אָפּגענומען.

זיי האָבן ווידער באַקומען דאָס רעכט צו האָבן אַ ראש־הגולה (עקסילאַרך). דעם דאָזיקן אַמט האָט דאַן פאַרנומען ב ו ס ת נ א י.

דער ראש־הגולה איז געווען דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר פירער פון פאָלק. שפּעטער האָבן די אַראַבער געגעבן די יידן אויך דאָס רעכט צו האָבן זייער ג יי ס ט י ק ן פאָרשטייער — דאָס איז געווען דער אַמט פון „גאון” אָדער „ראש־ישיבה”.

אין דער צייט, ווען דער ראש־הגולה איז געוואָרן ע נ ג — איז אַנטשטאַנען אַ שטאַרקער קריג צווישן אים און צווישן „גאון”. אום צו דערנידעריקן זיין קעגנער, האָט ענן אָנגעהויבן לייקענען אין דער „תורה שבעל פה” — דאָס הייסט אין „תלמוד”.

ענן מיט זיינע אָנהענגער האָבן זיך דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן קראים (קאַראַאימען). — דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס גלויבן בלויז אין „מקרא” (אין דער ביבל).

אָבער די סעקטע פון ענן האָט זיך ניט פיל פאַרשפּרייט — און אַ חוץ אין אייניקע ערטער פון פּערסיע האָט זי געהאַט ווייניק אָנ־הענגער סיי אין בבל און סיי אין ארץ־ישראל.

## 39. אין אַראַביע

אין די אַראַבישע לענדער האָבן יידן געוואוינט נאָך פון דער צייט פון גלות בבל. אין די שווערע צייטן פון די גריכישע און רוימישע פאַרפאָלגונגען און רדיפות האָבן זיך די דאָזיקע ישובים פיל פאַרגרע־סערט.

די יידן האָבן דאָרט געלעבט פון ערד־ארבעט און האנדל; אנדערע האָבן זיך פאַרדינט אויף זייער לעבן דערפון, וואָס זיי האָבן געדינט אין דעם אַראַבישן מיליטער. די שפּראַך איז ביי זיי געווען די אַראַ־בישע. יידן און אַראַבער האָבן געלעבט צוזאַמען אין פרידן. דער יידי־שער אָרט לעבן און די יידישע מינהגים האָבן אזוי אויסגענומען ביי די אַרומיקע איינוואוינער, אַז אַפילו איינער אַן אַראַבישער קעניג מיטן נאָמען א ב א ק א ר י ב א האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן.

דער זון פון אַבאַ קאַריבאַ האָט זיך אזוי צוגעבונדן צו יידישקייט, אַז ווי נאָר ער איז געוואָרן קעניג, האָט ער זיך אָנגעהויבן איינשטעלן פאַר די יידן אין פּאַלעסטינע, וואָס זיינען דעמאָלט פאַרפאָלגט געוואָרן און האָבן שטאַרק געליטן פון די פאַנאַטישע קריסטלעכע הערשער פון ביזאַנטיע.

אָט דאָס פריינטלעכע צוזאַמענלעבן פון יידן און אַראַבער אין דער גאַנצער צייט פאַר דער אַנטשטייונג פון דעם „איסלאַם" (דער מאַכמעדאַנישער גלויבן) — האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער דערמאָנטער רעליגיע.

שפּעטער אָבער האָט דער אַראַבישער נ ב י א מאַכמעד, זיך גע־שטעלט דעם ציל צו באַקערן אַלע מענטשן און פריער פאַר אַלעמען „דאָס פאָלק פון בוך" (די יידן) אין זיין אמונה.

ווען די יידן אָבער האָבן זיך אָקעגנגעשטעלט אָט דעם באַגער פון מאַכמעדן, האָבן די אַראַבער זיי דערקלערט אַ „הייליקן קריג" (אין 7־טן יאָרהונדערט).

אזוי אַרום האָט זיך די שינאה צו יידן פאַרשפּרייט אין דער אַראַבישער וועלט. פיל יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע איינגעזע־סענע ערטער און אויסוואַנדערן אין אַנדערע לענדער.

## 40. די כאַזאַרן

אָנהויבנדיק פון 5־טן יאָרהונדערט קומט פאַר אַ גרויסע אויס־וואַנדערונג פון די מזרח־לענדער אין די לענדער פון אייראָפּע — די אזוי גערופענע „גרויסע פעלקער־איבערוואַנדערונג".

אָט די דאָזיקע פעלקער־איבערוואַנדערונג האָט סוף כל סוף גע־מאַכט אַן ענדע אויך צו דער רוימישער אימפּעריע.

צו יענער צייט האָט זיך אַ טאָטערישער שבט כ א ז א ר ן (העברעיש: כ ו ז ר י ם), באַזעצט ביי די ברעגן פון טייך וואָלגאַ און קאַספּישן ים.

דאָס זיינען געווען שטאַרקע און אויסגעפּרואוווטע מלחמה־לייט, וועלכע האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף זייערע אַרומיקע שכנים.

זיי האָבן ענדלעך דאָרט געשאַפן זייער אייגענע מלוכה און פון אַכטן ביזן סוף פון צענטן יאָרהונדערט האָבן די כאַזאַרן געהערשט צווישן קאַספּישן און שוואַרצן ים.

זייער קעניג ב ו ל א ן און אַ טייל פון דער באַפעלקערונג האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, זיי האָבן אָבער ניט געדריקט זייערע איינוואוינער פון אַנדערע גלויבנס.

דער לעצטער קעניג פון די כאַזאַרן איז געווען י ו ס ף, וועלכער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די שפּאַנישע יידן וועגן אַ דער־נענטערונג צווישן די צוויי טיילן פון יידישן פאָלק.

אינגיכן אָבער האָבן די כאַזאַרן פאַרלוירן זייער זעלבסטשטענ־דיקייט, זיך אויסגעמישט מיט אַנדערע פעלקער און טיילווייז אויך מיט יידן.

## 41. אין איטאַליע

דער חורבן פונם יידישן לאַנד דורך די רוימער האָט געבראַכט דערצו, אַז פיל יידן זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן אין די פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע, וועלכע זיינען געווען אונטער דער רוימישער הערשאַפט און פריער פאַר אַלעמען אין רוים — די הויפּט־שטאָט פון איטאַליע.

עס האָט זיך געבילדעט אַ גרויסער יידישער ישוב אין איטאַליע, וואָס איז געווען דער צענטער פונם האַנדל מיט די איבעריקע לענדער. אַ גרויסע צאָל יידישע רייכע סוחרים האָבן אָנגעפירט מיטן האַנדל און אים אַנטוויקלט.

אַ דאַנק דעם אַלעמען האָבן די יידן אין איטאַליע געלעבט רויק. אויך ווען רוים איז געוואָרן די הייליקע שטאָט פון די קריסטן און דאָס וואוינאָרט פון די פויפּסטן — האָבן די לעצטע אַפילו געשיצט די יידן פון רעליגיעזן האַס.

איטאַליע איז אויך געוואָרן אַ צענטער פון יידישער קולטור. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן לערן־אַנשטאַלטן און אַקאַדעמיעס צו שטודירן די תורה און אַנדערע וויסנשאַפטן.

שפּעטער אָבער, ווען די יידישע באַפעלקערונג אין איטאַליע האָט זיך פאַרמערט און האָט באַוויזן אריבערצושטייגן די איינגעבוירענע, האָבן די לעצטע פון גרויס קינאה אָנגעהויבן דריקן די יידן און זיי פאַרפאָלגן. זיי האָבן אָנגעפאַנגען צו באַגרענעצן זיי אין זייערע רעכט, אַזוי אַז די יידן זיינען סוף כל סוף געצוואונגען געווען אויסצעוואַנדערן, און בלויז ווייניק יידן זיינען דאָרט פאַרבליבן.

## 42. פראַנקאָ-גערמאַניע

אויך אין די פראַנקאָ־גערמאַנישע לענדער האָבן די יידן געוואוינט נאָך פון יענער צייט, ווען די דאָזיקע מדינות זיינען געווען אונטער דער השפּעה פון רוים.

ווי אין איטאַליע, אַזוי אויך דאָ, האָבן די יידן אַנטוויקלט דעם מיסחר און אַזוי אַרום באַרייכערט דאָס לאַנד.

די קאַטוילישע גלחים אָבער, האָבן זיך דאָ ווייט ניט באַצויגן צו יידן ווי אין רוים; זיי האָבן זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן די קיסרים און צו העצן די פּשוטע מאַסן קעגן די יידן — און דורך דעם איז די יידישע לאַגע דאָ געוואָרן זייער שווער.

אין 8־טן יאָרהונדערט, ווען קאַרל דער גרויסער האָט פאַראייניקט אונטער זיין הערשאַפט פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע, האָט זיך די לאַגע אַביסל געענדערט צום בעסערן. אַזוי גיך אָבער ווי די דאָזיקע לענדער זיינען נאָך זיין טויט נאָכאַמאָל געוואָרן באַזונדערע מלוכות — האָט זיך דער יידישער צושטאַנד ווידער פאַרערגערט.

די מלכים פון די דערמאָנטע לענדער האָבן פון זייער זייט פאַרנאנדערגעטיילט ברייטע פולמאַכטע צווישן די גרויסע ערדבאַזיצער, אָדער ווי זיי הייסן — די פּעאָדאַלן. אָט די פירשטן זיינען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די גלחים און מוראדיק געדריקט און באַליידיקט די יידן.

כדי מען זאָל דערקענען די יידן, דאָס הייסט — אַזאַ טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס איז הפקר און יעדער מעג אומבאַשטראָפט זיי באַליידיקן — זיינען די יידן געווען געצוואונגען צו טראָגן שענדלעכע סימנים: אזוי פלעגן זיי מוזן טראָגן אַ שפּיציקן הוט אויפן קאָפּ אָדער אַ געלע לאַטע אויף די קליידער.

## 43. די יידן אין ענגלאַנד

ענלעך צו דעם איז געווען די לאַגע פון יידן אין ענגלאַנד, וואו זיי האָבן אויך געוואוינט פון יענע צייטן.

דאָ האָבן די מלכים און גלחים אזוי צערייצט די מאַסן, אַז זאָגאַר דער קעניג גופא האָט שוין מער ניט געקאַנט איינהאַלטן דעם פאַנאַטישן און צעיושעטן המון.

פון איין זייט האָט מען געצוואונגען די יידן אָנצונעמען דעם קאַטוילישן גלויבן, פון דער צווייטער זייט ווידער, פלעגט דער קעניג און די קלענערע און גרעסרע פירשטן אומברחמנותדיק אויספּרעסן פון די יידן דורך שרעקלעכע שווערע שטייערן דאָס לעצטע, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

ווען די יידן האָבן געוואָלט אוים מוראדיקע ליידן פאַרלאָזן דאָס לאַנד — האָט זיי דאָס דער קעניג פאַרווערט; אים איז געווען אַ שאָד די שטייערן.

ענדלעך אָבער זיינען די יידן דאָך געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן ענגלאַנד (13־טן י. ה.) און ערשט שפּעטער מיט הונדערטער יאָרן האָבן די יידן ווידער באַקומען די מעגלעכקייט זיך נאָכאַמאָל דאָרט צו באַזעצן.

## 44. די קרייץ-צוגן

פון 11־טן ביזן 16־טן יאָרהונדערט — זיינען די סאַמע שווי־דערלעכע, די סאַמע אומגליקלעכסטע צייטן פון דער יידישער געשיכטע.

צום סוף פון 11־טן יאָרהונדערט האָט אין מיטל־אייראָפּע אויסגעבראָכן אַ מעכטיקע באַוועגונג צווישן די קריסטן, וואָס איז אַזוי טרויעריק באַקאַנט מיטן נאָמען „די קרייץ־צוגן".

די באַוועגונג האָט באַקומען דעם נאָמען, ווייל די אַנטיילנעמער אין איר פלעגן צונייען צו זייערע קליידער אַ רויטן צלם (קרייץ).

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס דערפון, וואָס אין אייראָפּע האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אין פּאַלעסטינע ווערן די קריסטן פאַרפאָלגט דורך די מוסולמענער.

עס האָבן זיך פאַרמירט פרייוויליקע מחנות פויערים, וועמען די גלחים האָבן צוגעזאָגט פאַרשידענע ה ב ט ח ו ת און פריווילעגיעס סיי אויף ד ע ר וועלט און סיי אויף י ע נ ע ר וועלט — ביכדי זיי זאָלן גיין קיין פּאַלעסטינע אָפּנעמען ביי די טערקן די הייליקע שטאָט י ר ו ש ל י ם, וואו עס געפינט זיך דער ק ב ר פון קריסטוס.

פון פראַנקרייך און פון דייטשלאַנד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן הונדערטער טויזנטער פויערים, וועמען מען האָט צווישן אַנדערע הבטחות אויך צוגעזאָגט צו באַפרייען פון זייער קנעכטשאַפט ביי די פּריצים.

אייניקע איז גלאַט געפעלן געוואָרן און געוועז צום האַרצן דער עיניין פון גיין ראַבירן און פאַרגיסן אומשולדיק בלוט; אַנדערע ווידער האָט מען איינגערעדט און זיי האָבן טאַקע באמת געגלויבט, אַז זיי טוען דערמיט זאָגאַר גאָטס ווילן; זיי האָבן באמת געגלויבט, אַז אויב זיי וועלן אויסהרגענען די „אומגלויביקע" איז זייער חלק אין גן־עדן געזיכערט.

אומצאָליקע מוראַדיקע מחנות „קרייץ - טרעגער" האָבן זיך אומ־ענדלעך געצויגן איבער דער גרענעץ פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד.

אָבער אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע האָט מען דערוויייל אָנגע־הויבן ראַבירן און אויסקוילן די אַלע נאָענטע כופרים (אומגלוביקע) וואָס האָבן באַוואוינט די ערטער, וואו די מחנות זיינען דורכגע־גאַנגען.

די יידן, וועלכע זיינען ניצול געוואָרן פון טויט האָט מען גע־צוואונגען צו שמד. פיל יידן האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען, אַבי ניט אריינפאַלן אין די הענט פון די פאַרווילדעטע באַנדעס פויערים.

אַ סך יידישע געמיינדעס (קהילות) זיינען אינגאַנצן חרוב גע־וואָרן און ס׳איז פון זיי גאָרניט געבליבן.

## 45. נאָך די קרייץ-צוגן

דער יידישער חורבן, וואָס די קרייץ־צוגן האָבן מיט זיך געבראַכט, איז געווען כמעט אַ פולשטענדיקער, אַן אַלזייטיקער.

מאָראַליש זיינען יידן געוואָרן באַשפּיגן און באַשמוצט, די ערע פון יידן אַלס פאָלק איז צעטראָטן געוואָרן, זייער נאַציאָנאַלע ווירדע — געשענדעט; די יידישע ישובים האָבן געמוזט פאַרנעמען באַזונדערע גאַסן און שטאָט־טיילן (געטאָס) בכדי ניט „מ ט מ א" זיין די ניט־יידישע באַפעלקערונג; מען האָט זיך פון יידן ווי ווייט מעגלעך דער־ווייטערט, אָפּגעזונדערט, ניט געוואָלט האָבן מיט זיי קיין „מגע־משא".

פ י ז י ש זיינען די יידישע ישובים פשוט אָפּגעגאַנגען מיטן בלוט; גאַנצע קהילות (געמיינדעס) זיינען בוכשטעבלעך אָפּגעווישט געוואָרן — געשטאָכן, געקוילעט און פאַרפּייניקט ביז טויט.

דער בלוטדורשטיקער המון, אָנגערייצט פון די גלחים, האָט זיך ממש ניט געקענט אָנזעטיקן מיט יידיש בלוט, וואָס האָט זיך דאַן גע־גאָסן טייכנווייז.

אויך ע ק אָ נ אָ מ י ש זיינען די יידן גענצלעך רוינירט געוואָרן. אַלץ איז אויפגעטרייסלט און חרוב געוואָרן. די יידישע פּרנסות מיט וועלכע יידן האָבן זיך ביז דעמאָלט באַשעפטיקט, האָבן זיך גרונטלעך געביטן.

# אונזער געשיכטע

שוין האָבן יידן מער ניט געקאָנט זיין קיין גרויסע סוחרים און האַנדלס־פאַרמיטלער, וואָס פירן אָן מיטן מסחר צווישן פאַרשידענע לענדער. זייט נאָך די קרייץ־צוגן האָט מען זיך אין די יידן אַלס אַזעלכע פאַרמיטלער מער ניט גענויטיקט; אַ דאַנק די קרייץ־צוגן האָבן זיך פאַרשידענע פעלקער פון פאַרשידענע לענדער באַגעגנט פנים אל פנים, אוממיטלבאַר און האָבן זיך אַזוי אַרום דערנענטערט צווישן זיך (דער ערשטער קרייץ־צוג האָט דערגרייכט פּאַלעסטינע).

יידן איז געבליבן זיך צו פאַרנעמען מיט פאַרשידענע האַנטווערקעריי (מלאכות) און קליינהאַנדל. די מער פאַרמעגלעכע פלעגן אָפּגעבן זייער געלט אויף פּראָצענט.

די וועלטלעכע הערשער און די מלכים האָבן זיך באַמיט אויף פאַרשידענע אופנים אויסצאַפּן ביי די יידן זייער האָב און גוטס, די גלחים ווידער האָבן דורכוים זיי געוואָלט אָפּשמדן. אָט די גלחים האָבן פאַרשפּרייט צווישן אומוויסנדן פינסטערן המון פאַרשידענע בילבולים אויף יידן; אַזוי האָבן זיי אויסגעטראַכט, אַז יידן הרגענען קריסטלעכע קינדער, ווײַלענס בלוט זיי דאַרפן אויף פּסח — און נאָך אַזעלכע שקרים.

די אַבערגלויביקע מאַסע האָט אַלץ געגלויבט, — אַלץ וואָס מען האָט זיי דערציילט אויף יידן האָבן זיי אָנגענומען פאַר אמת.

אַזוי צום ביישפּיל איז געווען געגנוג, אַז אַ יונגער פּאַסטוך זאָל קומען און דערציילן דער ניט־יידישער פאַרגרעבטער באַפעלקערונג, אַז גאָטס מאַמע זאָל געווען קומען צו אים צו חלום און געהייסן גיין שלאָגן די ניט־קריסטן — אַז די ווילדע פּויערים־מאַסן זאָלן זיך לאָזן מחנותווייז פון שטאָט צו שטאָט צו ראַבירן יידיש פאַרמעגן און פאַרגיסן גאַנצע טייכן יידיש בלוט.

אין דער יידישער געשיכטע איז דער פאַל באַוואוסט מיטן נאָמען „די פּאַסטוכער־גזירה".

אָפטמאָל פלעגן די קיסרים אַרויסטרייבן די יידן פון זייערע לענדער. — דערביי פלעגן זיי פריער אוועקרויבן ביי די אומגליקלעכע יידן זייערע פאַרמעגנס.

י. גאָלדשטיין

## 46. רש״י

אָבער אויך אין די סאַמע פינסטערע צייטן אין פראַנקרייך און גערמאַניע, האָבן יידן פאַרמאָגט זייערע גרויסע געלערנטע און וויסנ־שאַפטס־מענער, וואָס האָבן אומדערמידלעך געאַרבעט, אַז די יידישע תורה זאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

אַזוי האָט אין גערמאַניע געלעבט אין 11־טן יאָרהונדערט דער גרויסער געלערנטער רבנו גרשון „מאור הגולה״ (דאָס ליכט פון גלות). ער האָט געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה אויף צו שטודירן די יידישע תורה, ער האָט אויך ארויסגעגעבן אייניקע געזעצן דורך וואָס ער האָט זיך קונה געווען אַן אייביקן אָנדענק. פון די וויכטיקסטע געזעצן זיינע זיינען: אַז אַ ייד טאָר מער ניט האָבן ווי איין פרוי, אַז גטן אַ פרוי אָן איר ווילן, איז פאַרבאָטן, א. א.

אין דעם זעלבן יאָר, וואָס עס איז געשטאָרבן רבנו גרשון, איז געבוירן געוואָרן רש״י (ראשי תיבות: רבי שלמה יצחקי) — דער גרעסטער געלערנטער, וואָס יידן אין פראַנקרייך האָבן ארויסגעגעבן.

ער האָט געמאַכט אַ פירוש (אַ קאָמענטאַר) אויף תנ״ך און אויפן תלמוד. באַזונדערס האָט ער זיך קונה שם געווען מיטן לעצטן. אַ דאַנק דעם פירוש פון רש״י אויפן תלמוד, איז דער לעצטער פאַר־שטענדלעך און צוגענגלעך געוואָרן פאַרן פאָלק; אָן דעם דאָזיקן פירוש וואָלט דער תלמוד געווען ווי אַ פאַרחתמעטער בוך, און דערפאַר טאַקע, האָט מען נאָך קיינמאָל דעם תלמוד ניט געדרוקט אָן דעם פירוש פון רש״י ביי דער זייט פון טעקסט.

רש״י האָט פאַרמאָגט אַ רייכע, קלאָרע און דייטלעכע העברעישע שפּראַך. דערצו איז ער נאָך געווען אַ גרויסער לערער און גלענצנדער פּעדאַגאָג.

רש״י האָט קיין זין ניט געהאַט, בלויז טעכטער — אָבער זיינע איידעמס און אייניקלעך האָבן געשמט פאַר די גרעסטע געלערנטע פון זייער צייט (בעלי התוספות).

רש״י האָט געלעבט 65 יאָר. אים איז באַשערט געווען אויף דער

עלטער צוזוזען מיט זיינע אייגענע אויגן די יידישן ליידן פון די קרייץ־צוגן. און ער האָט פאַרפאַסט אייניקע קלאָג־תפילות (סליחות) אויף די אומגליקן פון די יידן פון יענער צייט.

## 47. אין שפּאַניע

אין שפּאַניע האָבן געוואוינט יידן נאָך פאַרן צווייטן חורבן. שפּעטער זיינען צו אָט די יידן צוגעקומען יידישע פּ ל י ט י ם פון אַנדערע לענדער, וואו מען האָט יידן פאַרפאָלגט.

אין דער צייט, ווען שפּאַניע איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון רוים, איז דאָרט די לאַגע פון די יידן געווען אַ גוטע.

שפּעטער אָבער האָבן די פאַנאַטישע און יידן־פיינטלעכע קאַטוי־לישע גלחים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די יידן, זיי האָבן אויך אָנגערעדט צו דעם די אָרטיקע מושלים.

פיל יידן זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַ סך האָבן אויך געמוזט אויף די פאָדערונגען פון די גלחים אָננעמען דעם קאַטוילישע גלויבן. זיי זיינען אָבער געוואָרן קאַטאָליקן בלויז „לפנים", ווען אין אמתן זיינען זיי פאַרבליבן פאַרבאָרגענע יידן (אנוסים־מאַראַנען), וועלכע פלעגן באַהאַלטענערהייט אָפּהיטן זייער יידישקייט.

וואָס ווייטער איז אָבער די לאַגע דאָרט געוואָרן אומדערטרעגלע־כער, און דעמאָלט האָבן די יידן פון שפּאַניע, צוזאַמען מיט זייערע ברידער אין אַפריקע געהאָלפן דעם קאַליף (קעניג) פון אַפריקע אריינ־צודרינגען קיין שפּאַניע און זי באַזיגן.

אַזוי אַרום האָט זיך אין צענטן יאָרהונדערט געגרינדעט אַן אַראַ־בישער קאַליפאַט מיט דער הויפּט־שטאָט קאָרדאָבאַ.

די אַראַבער, וואָס האָבן זייער ליב געהאַט די וויסנשאַפט, האָבן צוזאַמען מיט די יידן פון שפּאַניע געאַרבעט אויפן געביט פון ח כ מ ה און די וויסנשאַפטן פון יענער צייט.

יידן האָבן דאָרט פאַרנומען הויכע מלוכה־אַמטן. אַזוי איז רבי

## י. גאָלדשטיין

היסדאי איבן שפרוט געווען דער אויסערן־מיניסטער אין דער אַראַבי־שער מלוכה פון שפּאַניע. אויך דער באַרימטער רבי ש מ ו א ל ה נ גי ד איז געווען מיניסטער אין גראַנאַדע.

עס איז פאַרבליבן אַ בריוו־אויסטויש צווישן רבי חיסדאי און דעם לעצטן מלך פון די כאזארן. אין אָט די בריוו רעדט זיך וועגן אַ דער־נענטערונג צווישן די יידן פון שפּאַניע און צווישן די יידן, וואָס וואוינען אין דער כאזארישער מלוכה.

פון די יידישע פּאָעטן און דענקער פון דער אזוי גערופענער „גאָל־דענער צייט" אין שפּאַניע, איז צו רעכענען רבי ש ל ו מ ה ב ן ג ב י ר ו ל און ר' א ב ר ה ם א ב ן ע ז ר א.

דער גרעסטער דיכטער פון יענער צייט איז רבי י ה ו ד ה ה ל ו י, וועמענס שירים זיינען געשריבן מיט הייסער ליבע צו זיין פאָלק און ארץ־ישראל. לויט ווי עס ווערט דערציילט איז רבי יהודה הלוי אומגעקומען אין ארץ־ישראל (אין יאָר 1140 לערך).

## ד ע ר ר מ ב" ם

רבי מושה בן מימון (רמב"ם) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1135 אין קאָרדאָבאַ (שפּאַניע).

נאָך אַלס קינד האָט ער, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, איבער רע־ליגיעזע פאַרפאָלגונגען, געמוזט וואַנדערן אין משך פון פיל יאָרן.

צו 24 יאָר קומט ער אָן מיט זיין פאַמיליע קיין צפון־אפריקע, אָבער זיי געפינען אויך דאָרטן קיין רו — און זיי לאָזן זיך אוועק קיין ארץ־ישראל.

פון ארץ־ישראל איז דער רמב"ם געווען געצוואונגען אויס־צוואַנדערן קיין מיצרים.

אין מיצרים פאַרענדיקט דער רמב"ם זיין קאָמענטאַר אויף „מישנה". דעם קאָמענטאַר האָט ער געשריבן אין אַראַביש, האַבנדיק אין זינען די פאָלקס־מאַסן.

שפּעטער ווערט ער דער אָנפירער פון דער יידישער געמיינדע אין קאַאירא (מיצרים).

דער רמב"ם איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דאָקטער און אַלס אַזעלכער האָט ער דערנאָך פאַרנומען אַ מלוכה־שטעלע: ער איז געוואָרן דער הויף־דאָקטער ביי דעם קאַליף ס א ל א ד י ן.



4) רמב"ם

חוץ דעם דערמאָנטן קאָמענטאַר האָט ער אָנגעשריבן פ י ל אַנדערע ספרים אין אַראַביש און אין העברעיש און צווישן זיי דאָס פילאָסאָפישע ווערק „מורה־נבוכים".

געשטאָרבן איז דער רמב"ם אין יאָר 1204.

י. גאָלדשטיין

## 48. דער גירוש פון שפּאַניע

אין 13־טן יאָרהונדערט האָט געזיגט די קריסטלעכע מלוכה אין שפּאַניע. די קאַטוילישע גלחים האָבן זיך דערפילט שטאַרקער; זיי האָבן אויף זייער זייט דאַן באַקומען די קריסטלעכע מלכים — און עס



5) די שפּאַנישע אינקוויזיציע

האָבן זיך אָנגעהויבן מוראַדיקע צרות און אומדערטרעגלעכע גזירות אויף יידן.

פיל יידן זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן, פיל זיינען געווען גע־צוואונגען צו שמד און אַ סך יידישע קהילות זיינען גענצלעך חרוב געוואָרן.

# אונזער געשיכטע

ווען אינאָצענץ דער דריטער (איינער פון די גרעסטע קאַטוילישע פאַנאַטיקער) איז געוואָרן רוימישער פויפסט, האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַ ציל איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו די יידישע כופרים (אומגלויביקע).

די יידן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צו דער אינקוויזיציע — אַ מין טריבונאַל פון פאַנאַטישע גלחים און מאָנאַכן — וואָס פלעגן אַכטונג געבן אויף זיי. זיי פלעגן אויסזוכן די אומגלויביקע און אַפּיקורסים און זיי פאַרמישפּטן צו פאַרברענען לעבעדיקערהייט. זיי פלעגן אָפט זוכן אויך צווישן די קריסטן, אָבער באַזונדערס צווישן די אנוסים, וועלכע פלעגן זיך באַהאַלטן אין די היילן און קעלערס און דאָרט דערפילן די יידישע געזעצן און מינהגים.

פיל פון די אנוסים זיינען געווען זייער רייכע פאַרנעמסטע מענטשן, און אַ סך האָבן פאַרנומען גאָר הויכע מלוכה־פּאָסטנס. אָבער די אינקוויזיציע פלעגט זיי לויערן, אויסגעפינען און זיי לסוף פאַרפייניקן מיט שרעקלעכע עינויים אויף דער „אויטאָ־דאַ־פע" (שייטער־הויפן).

ענדלעך האָט דער קעניג פערנאַנדאָ און זיין פרוי איזאַבעלאַ, אויפגערייצט פון פאַנאַטיקער און אכזרישן גלח טאָרקוועמאַדאַ, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל (אין יאָר 1492), אַז אין 4 מאָנאַטן צייט מוזן אַלע יידן פון גאַנץ שפּאַניע פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זייער פאַרמעגן טאָרן זיי ניט מיטנעמען מיט זיך.

אין די טרויעריקע טעג אַרום תשעה באב, האָבן אַן ערך אַ דריי הונדערט טויזנט יידן מיט האַרצרייסנדן געוויין זיך געזעגנט מיט די קברים פון זייערע אייגענע און ליבע אין דעם שפּאַנישן לאַנד — און זיך געלאָזט אין וואַנדער־וועג. אַ טייל זיינען אַוועק אין די נאָענטע שטעט פון פּאָרטוגאַל, פון וואַנען מען האָט זיי אינגיכן אויך אַרויסגעטריבן, אַנדערע זיינען אָנגעקומען קיין איטאַליע און קיין טערקיי.

גרויסע מאַסן פון די פאַרטריבענע זיינען דורך די שיפס־בעלי־בתים פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט; פילע זיינען גלאַט אויסגע־

שטאַרבן אונטערוועגס און אין די מידבריות פון הונגער און פאַרשי־
דענע קראַנקייטן.

צווישן די ארויסגעטריבענע יידן, וועלכע זיינען אָנגעקומען אין איטאַליע, איז אויך געווען דער פינאַנץ־מיניסטער פון שפּאַניע, דאָן יצחק אברבנאל. אָבער אויך דאָ האָט ער געהאט גרויס כבוד און האָט שפּעטער באקומען אַן ענלעכע מלוכה־שטעלע, און אַ דאַנק דעם האָט ער געהאט די מעגלעכקייט צו פאַרלייכטערן די ביטערע לאַגע פון די יידישע פּ ל י ט י ם אין איטאַליע.

פיל פון די אנוסים, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין שפּאַניע, זיינען דערנאָך אַנטלאָפן קיין האָלאַנד און געגרינדעט אַ גרויסע קהילה אין דער שטאָט אַמסטערדאַם.

## 49. אין טערקיי

אַ גרויסער טייל פון די ארויסגעטריבענע פון שפּאַניע האָבן זיך באַזעצט אין טערקיי; אויך פיל פון די מאַראַנען (פאַרבאַהאַלטענע יידן) פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן עמיגרירט קיין טערקיי.

דאָרט האָבן זיי זיך ווידער אומגעקערט צו דער יידישער רעליגיע, געגרינדעט פיל יידישע קהילות און האָבן געהאט זייערע אייגענע שולן.

דער יידישער ישוב אין טערקיי האָט זיך שפּעטער ברייט צע־וואַקסן. די ערשטע סולטאַנען (טערקישע מושלים) האָבן זיך זייער גוט באַצויגן צו די יידן.

איינער פון די עמיגראַנטן־מאַראַנען יוסף דער נ ש י א (ענדע 16־טן יאָרהונדערט) איז געווען שטאַרק באַליבט ביים סולטאַן סעלים דעם 2־טן, וועלכער האָט אים געגעבן דעם טיטל „הערצאָג פון נאַק־סאָס".

יוסף הנשיא האָט זיך פיל מאָל איינגעשטעלט פאַר זיינע גע־פּלאָגטע ברידער אין די קריסטלעכע לענדער; דערביי פלעגט ער אויס־נוצן זיין גרויסן איינפלוס אין קייזערלעכן הויף.

צו טערקיי האָט דעמאָלט אויך געהערט פּאַלעסטינע און אויך אַהער זיינען אָנגעקומען פיל יידישע וואַנדערער פון אַלע גלות־לענדער אין אייראָפּע.

אין דער שטאָט צ פ ת האָט געלעבט רבי י ו ס ף ק א ר א, דער מחבר פון פּאָפּולערן געזעץ־בוך ש ו ל ח ן ־ ע ר ו ך, וואָס אַנט־האַלט אַלע ד י נ י ם און מ י נ ה ג י ם פון ת ל מ ו ד און פון אַנדערע ספרים.

די זעלבע שטאָט צ פ ת איז געווען דער גייסטיקער צענטער פון דער מיסטישער און סודותדיקער לערע וועגן גאָט און מ ש י ח ן, וואָס הייסט ק ב ל ה. דאָס הייליקע בוך פון די ב ע ל י ־ ה ק ב ל ה (קאַ־באַליסטן) איז דער ז ו ה ר.

דער גרעסטער און דער באַרימטסטער פון די בעלי־הקבלה איז געווען דער א ר " י.

## 50. האָלאַנד

### 1. מ נ ש ה ב ן י ש ר א ל

איינער פון די רויקסטע פּלעצער, וואוהין עס האָבן זיך געראַטע־וועט פיל פון די פאַרפאָלגטע אנוסים, איז געווען האָלאַנד, און באַ־זונדערס די שטאָט אַמסטערדאַם.

ווי געזאָגט, האָט זיך אין אַמסטערדאַם געגרינדעט אַ גרויסע יידישע קהילה (געמיינדע), דער גרינדער פון וועלכער עס רעכנט זיך דער מאַראַן יעקוב טיראַדאָ.

אין שפּיץ פון דער קהילה זיינען געשטאַנען רבנים אָדער „חכמים".

די געמיינדע האָט געהאַט איינענע שולן, ווי אויך אַ העברעישע דרוקע־ריי און אַנדערע אַנשטאַלטן.

איינער פון די אָנגעזעענסטע חכמים און שריפטשטעלער פון יענער צייט, איז געווען רבי מנשה בן ישראל (געשטאָרבן אין יאָר 1657). ער האָט געשטאַמט פון אַ אנוסים־פאַמיליע; צוזאַמען מיט זיינע על־טערן האָט ער זיך געראַטעוועט קיין אַמסטערדאַם און דאָ אָנגעהויבן עפנטלעך זיך פירן ווי יידן.

אויסער זיינע ברייטע ידיעות אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט

ער אויך פאַרמאָגט גרויסע קענטעניש אין דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט און געקאַנט פיל שפּראַכן.

אַ דאַנק די באַמיונגען פון ר׳ מנשה בן ישראל, האָבן די יידן



6) מנשה בן ישראל

ווידער באַקומען דאָס רעכט זיך צוריקקערן קיין ענגלאַנד, פון וואַנען זיי זיינען לערך מיט אַ 400 יאָר פאַר דעם ארויסגעטריבן געוואָרן.

## 2. אוריאל אַקאָסטאַ

צו יענער צייט האָבן אויך געלעבט אין אַמסטערדאַם דער פריי־דענקער אוריאל אַקאָסטאַ און דער באַרימטער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ.

אוריאל אַקאָסטאַ איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל. אַלס קינד איז ער דערצויגן געוואָרן אין שטרענג קאַטוילישן גייסט. צו פינף און צוואַנציק יאָר ווערט ער אַן אָנגעזעענער אָנגעשטעלטער אין אַ קלויס־טער. ער געפינט אָבער ניט אין דעם קיין גייסטיקע באַפרידיקונג און ער פאַנגט אָן זיך פאַרטיפן און שטודירן דעם אַלטן טעסטאַמענט (תורה).

זייענדיק אַ זון פון אַן אנוסים־פאַמיליע, הויבט דאָס אים אָן ציען צוריק צו ווערן אַ ייד.

צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע קומט ער קיין אַמסטערדאַם און דאָרטן קערן זיי זיך צוריק צום יידנטום.

אוריאל אַקאָסטאַ האָט אָבער פאַרמאָגט אַ גייסט פון אַ פריי־דענקער און היות פיל מינהגים פון דער יידישער רעליגיע זיינען אים ניט געווען צום הארצן, — האָט ער געקעמפט און ארויסגעטראָטן קעגן דעם מינדלעך און שריפטלעך.

דאָס האָט ענדלעך געבראַכט צו אַ גרויסן קאָנפליקט צווישן אים און די רבנים. אָט דער קאָנפליקט האָט געפירט דערצו, אַז די רבנים האָבן אַקאָסטאַן אריינגעלייגט אין חרם, דאָס הייסט, זיי האָבן פאַרבאָטן יעדן יידן צו האָבן אַ מגע ומשא מיט אים, אלס געפערלעכן אַפּיקורס.

דאָס איינזאַמע לעבן האָט סוף כל סוף געווירקט אויף דעם אויס־געמאַטערטן און פאַרשטויסענעם אַקאָסטאַן און ער האָט באַשלאָסן צו בעטן עפנטלעך מחילה (פאַרצייען) ביי די רבנים.

אַקאָסטאַס „תשובה״־טאָן איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין שול מיט גרויס צערעמאָניע; צום סוף פון אָט דער צערעמאָניע האָט ער באַקומען אלס שטראָף אויך דרייסיק שמיץ (מלקות), זיך געלייגט אויף דער שוועל פון שול און אַלע ביים אַרויסגיין האָבן איבערגעטראָטן איבער זיין קערפּער.

די אַלע ביזיונות און דערנידערונגען האָבן מוראדיק געווירקט אויף דער איידעלער נשמה פון אומגליקלעכן דענקער, ער האָט סוף כל סוף ניט אויסגעהאַלטן און זיך זעלבסט גענומען דאָס לעבן דורך שיסן.

פאַר זיין טויט האָט אַקאָסטאַ אָנגעשריבן זיין אייגענע לעבנס־באַשרייבונג (אויטאָביאָגראַפיע) אונטערן נאָמען: „אַ ביישפּיל פון מענטשנס לעבן״.

## 3. ברוך שפּינאָזאַ

דער גרויסער יידישער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ איז געבוירן געוואָרן אין אַמסטערדאַם און דאָרטן טאַקע, ביי די אַמסטערדאַמער רבנים געשטודירט תורה, תלמוד און שפּעטער אויך פילאָזאָפיע.

אויך ער האָט זיך אין רעליגיע ניט געפירט לויט די שטרענגע פאָדערונגען פון די רבנים.

די לעצטע האָבן געמאַכט פארשידענע פּרואוון צו ווירקן אויף שפּינאָזאַן, אָבער ווען דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן, האָבן זיי אים ארייננעלייגט אין ח ר ם.

שפּינאָזאַ האָט דאַן פאַרלאָזט אַמסטערדאַם, געלעבט איינזאַם און אָפּגעזונדערט. תמיד געשטודירט און בלויז איניקע שעה אין טאָג זיך פאַרנומען מיט זיין ארבעט פון גלאָז־שלייפעריי — פון וואָס ער האָט זיך דערנערט.

## 51. יידישע ליידן אין דער דייטשער מלוכה

איינער פון די גרעסטע יידישע צענטרען אין מיטלאַלטער איז געווען דייטשלאַנד. נאָך די גרויסע ליידן, וואָס יידן האָבן דאָרט אי־בערגעטראָגן, נאָך די קרייץ־צוגן און די אומגליקן פון ש מ ד און ג י ר ו ש — איז די יידישע באַפעלקערונג געבליבן אינגאַנצן דער־שלאָגן. געלעבט האָט מען בלויז מיטן ח ס ד פון די באַשיצער — די קיסרים און פעאָדאַלן, וועמען מען האָט דערפאַר געמוזט צאָלן שוץ־געלט. די „שוץ־יידן" האָבן געמוזט טראָגן די „געלע לאַטע" אויף זייערע קליידער, וואוינען אין באַזונדערע שטאָט־טיילן און ביכלל שרעק־לעך ליידן פון זייערע קריסטלעכע שכנים, וואָס האָבן ניט פאַרגונען די יידן אויך זייערע אָרימע פּרנסות פון מלאכה, קליינהאַנדל א. ד. ג.

צווישן די פינסטערע און אַבערגלויבערישע מאַסן האָבן זיך דאָ אַזוי לייכט פאַרשפּרייט די בילבולים, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט אויף פּסח, שטעכן דאָס קריסטלעכע הייליקע ברויט, — און דאָס פלעגט אָפט פירן צו שחיטות אויף יידן.

איינמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ מגפה אין אייראָפּע; מען האָט זי פאַרשלעפּט פון אַזיע. אָבער דאָ האָט מען ארויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דאָס האָבן יידן בכיוון פאַרסמט די ברונעמס בכדי אומברענגען און פאַרניכטן די קריסטן.

טויזנטער יידן זיינען איבער דעם אומגעקומען, פארברענט געווארן — און זייער האב און גוטס האט מען אוועקגעשענקט די ת ל י נ י ם, אלס מתנה פאר זייער ארבעט.

אט דער אומגליק איז באוואוסט אין דער יידישער געשיכטע מיטן נאמען „די שווארצע מגפה" (פעסט).

צו דער יידישער פארצווייפלונג איז קיין גרענעץ ניט געווען. בלויז איין און איינציקע האפנונג איז געבליבן: די האפנונג אויף משיחן און אויף א נייעם לעבן אין דער צוקונפטיקער וועלט — ע ו ל ם־ ה ב א.

דאס האט געבראכט דערצו, אז אין פארשידענע ערטער פון אייראפע און אזיע האבן זיך אין יענע צייטן באוויזן מענטשן, וואס האבן זיך דערקלערט אלס משיחים, וועלכע זיינען געקומען אויסלייזן דאס יידישע פאלק פון זיינע ליידן.

אזוי האט זיך אין איטאליע אנגעהויבן א משיחישע באוועגונג, די אנפירער פון וועלכער זיינען געווען דער אזיאטישער ייד דויד הראובני און איינער פון די פארטוגאלישע מאראנען (אנוסים) שלומה מולכו (מאלכא).

אפילו אזא געלערנטער ווי ר' יצחק אברבנאל האט אויך געפרואווט צו באווייזן פון די הייליקע ספרים, אז סאיז שוין משיחס צייטן.

אין פאלעסטינע (צפת) האבן זיך געגרינדעט גאנצע קרייזן פון מקובלים (מיסטיקער) וואס האבן געגלויבט אראפצוברענגען משיחן דורך זייערע תפילות און אייגענע ליידן.

## 52. די יידן אין פוילן און ליטע

פון די פארפאלגונגען אין דייטשלאנד פלעגן יידן אנטלויפן קיין פוילן. צו דער צייט פון די קרייץ־צוגן איז אין פוילן געווען א גרויסער יידישער ישוב.

די יידן זיינען געווען זייער א וויכטיקער עלעמענט אין לאנד: זיי האבן זיך פארנומען מיט האנטווערקעריי און לאנדווירטשאפט און

האָבן אַריינגעבראַכט לעבן אינם האַנדל און אין דער אינדוסטריע פון לאַנד.

די יידן זיינען דאָרט געזעסן רויק און זיכער. זיי האָבן אויך פאַר־נומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער וויסנשאַפט — פיל געלערנטע און דאָקטוירים זיינען געווען פון יידן. די יידישע קהילה (געמיינדע) אין פּוילן איז געווען אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע; דאָס איז געווען אַ אויטאָנאָמע זעלבסטפאַרוואַלטונג בנוגע איר אינערלעכן און רעליגיעזן לעבן.

ניט איינמאָל האָבן די קאַטוילישע גלחים פּראָטעסטירט קעגן דער יידישער פרייהייט און די פּריווילעגיעס פון דער יידישער קהילה, עס האָט אָבער די פּוילישע גלחים גאָרניט געהאָלפן: די הערשער פון פּוילן האָבן אנערקענט די וויכטיקע ראָלע פון די יידן פאַר זייער לאַנד.

צום סוף פון 14־טן יאָרהונדערט האָט זיך פּוילן פאַרייניקט מיט ליטע. אויך אין ליטע איז די לאַגע פון די יידן געווען זייער אַ גוטע. זיי האָבן געהאַט רעכט אויף פרייען האַנדל, האַנטווערקעריי און לאַנד־באַזיץ. די גלחים האָבן אויך דאָ זיך באַמיט העצן קעגן די יידן, אָבער גאָר זעלטן פלעגט זיך זיי דאָס איינגעבן.

און אַזוי איז דער יידישער ישוב פון ליטע און פּוילן געוואָרן דער גרעסטער יידישער צענטר אין אייראָפּע.

יידן פלעגן נעמען אין אַרענדע (פּאַכט) ערד און גאַנצע מאַיאָנט־קעס ביי דער רעגירונג אָדער ביי די פּריצים; זיי פלעגן אויך אָפּדינגען די גרענעץ־צאָלן און די שטייערן־זאַמלונגען פאַר דער מלוכה; די יידן פלעגן אויך געבן קרעדיטן דעם קעניג אָדער זיינע פּריצים.

דער קעניג האָט געשיצט די יידן און אנערקענט זייער גרויסע ווירטשאַפטלעכע ראָלע.

## 53. יידישע צרות אין פּוילן

די גוטע צייטן אין פּוילן זיינען אַוועק. אין אוקראַינע, וואָס האָט געהערט צו פּוילן, האָט אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד פון די קאָ־

זאַכן און פאַרקנעכטעטע פּויערן קעגן זייערע אונטערדריקער, די פּוי־לישע פּריצים. דער אָנפירער איז געווען באָגדאַן כמעלניצקי.

באזונדערס האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער כעס צו די יידן, וועלכע, זייענדיק אַרענדאַטאָרס ביי די פּריצים און ביי דער מלוכה, האָבן אַזוי אַרום געהאַט אַ געוויסע מאַכט איבער די פאַרשקלאַפטע פּויערן.

צענדליקער טויזנטער יידן זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן; פיל קהילות זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן.

אָט די שחיטות זיינען באַוואוסט אין דער יידישער געשיכטע אונטערן נאָמען גזירת ת״ח (1648).

די דאָזיקע אומבאַשרייבלעכע ליידן האָבן אַריינגעוואָרפן די יידן אין אַ טיפן י א ו ש, די איינציקע האָפנונג איז, ווי געזאָגט, געווען אויף משיחן. און דערפאַר טאַקע, ווען אין טערקיי האָט זיך איינער מיטן נאָמען „שבתי צבי" פּראָקלאַמירט אַלס „משיח", האָבן די פאַר־צווייפלטע יידן פון פּוילן געגלויבט אין דעם.

מען האָט זיך, אמת, באַלד געכאַפּט, אַז דער משיח איז אַ פאַל־שער, אָבער דורך דעם איז די פאַרצווייפלונג פון די יידישע מאַסן גע־וואָרן נאָך גרעסער.

נאָך אַנדערע פאַלשע משיחים זיינען דערשינען אין יענע ביטערע צייטן — דאָס אַלץ איז געווען אַ טרויעריקער רעזולטאַט פון די שרעק־לעכע צרות און רדיפות אויף יידן, צו וועלכע מען האָט ניט געזען קיין ברעג און קיין גרענעץ.

לאַנג נאָך האָט זיך געצויגן די אומענדלעכע קייט פון יידישע ליידן אין פּוילן. די היידאַמאַקעס (קאָזאַקן) האָבן נאָך אַלץ פאַרגע־זעצט די יידישע שחיטות.

נאָר אָט איז געקומען אַן ענדע צו פּוילן: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן האָבן זי פאַרטיילט צווישן זיך — און פון יענע צייטן איז רוס־לאַנד געוואָרן דער גרעסטער צענטער פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע.

## 54. דער חסידיזם (חסידות)

אין 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן יידן אַ נייע לערע, וואָס באַזירט זיך מער אויפן ה א ר צ ן און ג ע פ י ל איידער אויפן ש כ ל און מ ו ח.

# י. גאָלדשטיין

די נייע באַוועגונג האָט געהייסן חסידות, און דער ערשטער פון אירע שעפער איז געווען רבי ישראל בעל־שם־טוב (בעש"ט).

אַ לאַנגע צייט האָט זיך דער בעש"ט מתבודד געווען אין די בערג און ווען ער איז ניתגלה געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער יידישע שטעט און באַווייזן וואונדער און ניסים, און אייַנצייַטיק אויך פאַרשפּרייטן זיין תורה.

דער בעש"ט האָט געלערנט זיינע אָנהענגער (חסידים), אַז דער עיקר איז די גוטע כוונה פון הארצן, די הויפּטזאַך איז גוטע מעשים און ניט בלויז דאָס לערנען און קענען.

אַ פּשוטער מענטש — פלעגט לערנען דער בעש"ט — ניט קיין געלערנטער, דאַרף זיך כלל ניט מיאש זיין, דאַרף ניט אראָפּפאַלן ביי זיך, ווען ער קען ניט גוט לערנען; ער איז אפילו ביכולת צו שטיין העכער פון דעם גרויסן למדן.

דער בעש"ט ווי אויך זיין לערע זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אומבאַגרענעצטער ליבע צום פּשוטן יידישן האָרעפּאַשניק.

די האַרציקייט און די מוטערלעכע ליבע פון אָט דער לערע ביכלל און פון בעש"ט ביפרט האָבן צוגעצויגן אַ סך חסידים־אָנהענגער, באַזונדערס נאָך זיין טויט.

עס זיינען אָבער אויך געווען פיל קעגנער („מיתנגדים") צו אָט דער לערע. די „מיתנגדים" האָבן מורא געהאַט, אַז די נייע לערע קען שאַדן דאָס שטודירן די הייליקע ספרים און דעם תלמוד. זיי האָבן מורא געהאַט דער כבוד התורה זאָל ניט פאַלן און די אויבערמאַכט אין דעם אינערלעכן יידישן לעבן זאָל ניט אריינפאַלן אין די הענט פון עמי־הארצים.

איינער פון די שטאַרקסטע קעגנער פון חסידות איז געווען „דער ווילנער גאון" — רבי אליהו, וואָס האָט געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה. ער האָט שטאַרק גערודפט די חסידים. צווישן אים און דעם גרויסן פירער פון די דעמאָלטיקע חסידים, רבי שניאור זלמן, איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעך פאַרביסענער קריג, וואָס האָט דערגרייכט אפילו ביז מסירות.

## 55. די יידן אין רוסלאַנד

די גרויסע רוסישע מלוכה האָט אין דער גאַנצער צייט פון מיטל־אַלטער קיין יידן ניט געהאַט. זי האָט די יידן צו זיך ניט אַריינגעלאָזט, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר דער יידישע כפירה (אומגלויבן) וואָס זיי קענען מיטברענגען.

ערשט ווען פּוילן איז געפאַלן האָט רוסלאַנד באַקומען נייע געגנטן פון פּוילן מיט אַן ערך אַ מיליאָן יידישע איינוואוינער.

די יידישע ישובים זיינען דאָ אָפּגעצוימט געוואָרן פון טיף רוסלאַנד, וואו יידן האָבן אויך דעמאָלט ניט געטאָרט וואוינען און עס איז אזוי געשאַפן געוואָרן דער טרויעריק־באַוואוסטער יידישער „תחום" (דאָס אָפּגעגרענעצטע יידישע וואוינאָרט).

אין די ערשטע יאָרן פון צאַר (קיסר) אַלעקסאַנדר דעם 1־טן האָט די רוסישע מלוכה געמאַכט אַ פּרואוו צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידישע מאַסן.

די מלוכה האָט זיך גענומען שאַפן אַן ערד־אַרבעטער קלאַס, וואָס ביי יידן איז דעמאָלט ניט געווען. צוליב דעם צוועק זיינען געגרינדעט געוואָרן ערד־אַרבעטער־קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד.

ווען עס איז געוואָרן קיסר דער צאַר ניקאָלאַי דער 1־טער, האָט ער באַשלאָסן אַריינצופירן די יידן אין רוסישן אַלגעמיינעם לעבן מיט געוואַלט.

אין זיין צייט איז אַרויס דער דעקרעט וועגן די „קאַנטאָניסטן" (קינדער־סאָלדאַטן): יידן האָבן באַדאַרפט דינען אין דער אַרמיי 25 יאָר. דערצו פלעגט מען זיי אַוועקנעמען פון זייערע היימען אַלס קינדער (צו 10 - 12 יאָר) און זיי אָפּגעבן אין באַזונדערע באַטאַליאָנען, וואו זיי פלעגן אזוי אָפט פאַרלוירן גיין פאַר זייער פאָלק.

אָבער ווען אויך די געוואַלט־מיטלען האָבן ניט געפירט צום ציל, האָט מען זיך גענומען פאַר אַנדערע דרכים: מען האָט געגרינדעט רעגירונגס־שולן פאַר יידן (1844).

יידן האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו אַנערקענען דעם ווערט פון דער אַלגעמיינער בילדונג — ה ש כ ל ה. עס אַנטשטייט דאַן די

„השכלה־באַוועגונג". די אָנהענגער פון אָט דער באַוועגונג זיינען באַקאַנט מיטן נאָמען „משכילים" (אויפגעקלערטע, פאָרגעשריטענע און געבילדעטע). דער פאָטער פון די מ ש כ י ל י ם אין רוסלאַנד, איז געווען ר' יצחק בער לעווענזאָן (ריב"ל).



7) יצחק בער לעווינזאָן (ריב"ל)

די מ ש כ י ל י ם פלעגן דערווייזן, אַז אַ חוץ די יידישע ל י מ ו ד י ק ו ד ש פאָדערט זיך אויך זיין באַקאַנט מיט אַלגעמיינע וויסנשאַפטן און באַזונדערס קענען די מלוכה־שפּראַך.

פון צווישן די משכילים זיינען דערשינען שרייבער, וואָס האָבן זיך גענומען אויפלעבן די העברעישע שפּראַך און געשריבן אין איר פיל ביכער. די שטאָט ווילנע האָט באַקומען דעם נאָמען „ירושלים דליטא" צוליב דער גרויסער צאָל געלערנטע יידן און ל ו מ ד י ם, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט.

פון די שריפטשטעלער פון יענער צייט איז צו דערמאָנען מ אַ פּ ו און ס מ אָ ל ע נ ס ק י ן.

## 56. דער אָנהויב פון דער יידישער אויפקלערונג

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, האָט זיך אין מערב־אייראָפּע אָנגעהויבן אַן אויפקלערונגס־באַוועגונג, אַ שטרעבונג צו באַפרייען דעם מענטשלעכן געדאַנק פון די פאַלשע מיינונגען, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט פון מיטלאַלטער. אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד זיינען געווען אַ סך שריפטשטעלער און געלערנטע, וואָס האָבן אויך געפאָדערט ענדערן די פאַלשע מיינונגען איבער יידן.



8) מושה מענדלסאָן

צווישן די יידן אין דייטשלאַנד האָט דאַן געלעבט דער גרויסער פילאָזאָף און געלערנטער מושה מענדלסאָן. ער האָט פיל געאַרבעט פאַרן צופּאַסן דאָס יידישע לעבן צו די באַדינגונגען פון דער נייער צייט און פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן גלייך מיט אַנדערע פעלקער.

דריי יאָר נאָך מענדלסאָנס טויט האָט זיך אין פּאַריז אָנגעהויבן

די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס האָט צוגעזאָגט גלייכע רעכט פאַר אַלע־מען (און אין דעם כלל אויך פאַר יידן).

אָבער אָט די גלייכבאַרעכטיקונג אָדער ווי זי הייסט נאָך „עמאַנ־ציפּאַציאָן", וואָס איז פאָרגעקומען פריער אין פראַנקרייך און דער־נאָך אויך אין אַנדערע לענדער — אָט די עמאַנציפּאַציע איז ניט געווען אַ באַפרייונג פון יידן אַלס אַ פ אָ ל ק, נאָר ווי אַ ט ײ ל פון ד ע ר א ײ נ ג ע ז ע ס ע נ ע ר ב אַ פ ע ל ק ע ר ו נ ג, צווישן וועלכע יידן האָבן דאַן געוואוינט.

דערביי האָט מען געהאָפט, אַז יידן וועלן זיך סוף כל סוף אויס־מישן (אַסימילירן) מיט דער ארומיקער באַפעלקערונג און מער ניט עקזיסטירן אַ ל ס י י ד ן.

ווען מען האָט אָבער דערזען, אַז יידן אַסימילירן זיך נ י ט, האָט מען זיי ווידער אָנגעהויבן דריקן — און אין פיל לענדער האָט מען ביי זיי די רעכטן צוריק צוגענומען.

דאָס יידישע לעבן האָט זיך אָבער דערווייל שטאַרק געביטן אונ־טער דער ה ש פ ע ה פון די נייע אידייען. יידן האָבן געדורשט אַלץ מער נאָך אייראָפּעישער קולטור; זיי האָבן שוין מער ניט געקענט בלייבן אָפּגעשלאָסן אין זייער אָפּגעגרענעצטן אַלטמאָדישן לעבנס־שטייגער.

פיל האָבן אַפילו אַריבערגעכאַפּט די מאָס און אינגאַנצן אַוועקגע־גאַנגען פון זייער פאָלק. אַזוי איז דאָס געווען מיטן גרויסן פּאָעט היינע און מיט פיל אַנדערע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון מאַסן־שמד; אויך די תלמידים פון מענדלסאָנען זיינען אַוועק צו ווייט און פאַרלאָזט זייער פאָלק. געמישטע חתונות צווישן יידן און קריסטן איז געוואָרן אַלץ אָפטער און אָפטער אין דייטשלאַנד.

פון דער צווייטער זייט אָבער האָט זיך אין מיטן פון 19־טן יאָר־הונדערט אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע ארבעט אויפן געביט פון דער יידי־שער וויסנשאַפט. דער גרויסער היסטאָריקער היינריך גרעץ האָט אריינגעבראַכט אָרדנונג אין דער דריי־טויזנט־יאָריקער יידישער גע־

שיכטע; די יידישע געשיכטע איז א דאנק דעם דאזיקן אומדערמידלעכן גאון סיסטעמאטיזירט, באלויכטן און לעבעדיק געווארן.

מושה העס האט אין זיין בוך „רוים און ירושלים" פראטעסטירט קעגן דער יידישער אסימילאציע און געפאדערט פון די רייכע יידן זיי זאלן ווידער אויפבויען א יידישן ישוב אין פאלעסטינע.

דאס איז געווען דער ערשטער, וואס איז געקומען פון דער אסימילאציע צו דער אידייע פון נאציאנאלער אויפלעבונג.



9) מושה מאנטעפיארע

פאר דער ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאלק אין ארץ ישראל, האט אויך פיל געארבעט דער בארימטער ענגלישער פילאנטראפ ר' מושה מאנטעפיארע.

## 57. אנטיסעמיטיזם און פאגראמען

די ווירקלעכקייט האט סוף כל סוף באוויזן, אז די האפנונג, וואס יידן האבן געלייגט אויף דער עמאנסיפאציע איז געווען א פאלשע; די שינאה צו יידן איז געוואקסן צוזאמען מיט דער זעלבער עמאנסיפאציע.

אָט דער יידן־האַס (אַנטיסעמיטיזם) האָט געשראָקן די ניט־יידי־שע באַפעלקערונג מיט דער „יידישער סכנה", וויבאַלד די יידן ווען האָבן די זעלבע רעכט וואָס אַנדערע.

עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די בלוט־בילבולים („עלילת־דם") אויף יידן און פאַרשידענע באַשולדיקונגען קעגן דעם תלמוד. אַזוי איז דאָס געווען אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער.

אויך אין פראַנקרייך איז עס געקומען צו אַ בילבול אויף אַ יידישן אָפיציר, קאַפּיטאַן דרייפוס — אַז ער זאָל האָבן איבערגעגעבן צו די דייטשן סודות פון מיליטער. יאָרן האָט געדויערט ביז עס איז דער־וויזן געוואָרן, אַז דאָס איז אַ בילבול.

אין רוסלאַנד האָט דאָס פשוט געבראַכט צו די מוראדיקע פּאָג־ראָמען אויף יידן (1881). אַנדערע קלענערע מלוכהלעך ווי רומעניע און אַנדערע האָבן נאָכגעטאָן די גרעסערע.

אויך אין די צייטן פון לעצטן רוסישן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע.

באַלד נאָך די פּאָגראָמען פון די 80־קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקע און פּאַלעסטינע.

## 58. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג ביי יידן

נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד הויבט זיך אָן אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פון יידן קיין אַמעריקע. אַזוי איז דער יידישער ישוב אין צפון־אַמעריקע אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די גרעסטע יידישע צענטערן און דערגרייכט איצט צו מער פון דריי מיליאָן יידישע איינ־וואוינער.

אויך אין דרום־אַמעריקע איז געוואָרן אַ באַדייטנדער יידישער ישוב. דער באַראָן הירש האָט אין אַרגענטינע אָפּגעקויפט אַ סך פרייע ערד און געגרינדעט פיל קאָלאָניעס פאַר ערד־אַרבעטער.

אין דער זעלבער צייט, ווען עס קומט פאָר די גרויסע עמיגראַציע

קיין אַמעריקע אַנטשטייט אויך גאָר אַן אַנדער באַוועגונג ביי יידן — אַ באַוועגונג צו שאַפן אַ גרויסן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

די האָפנונגען אויף דער עמאַנסיפּאַציע האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעוועבט — און עס איז אַנטשטאַנען אַ הייסער פאַרלאַנג ביים יידישן פאָלק איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערן פון גלות, בויען די יידישע היים אין אַן אייגן לאַנד דורך מאָדערנער קאָלאָניזאַציע.

י. ל. פּינסקער און אַנדערע זיינען דעמאָלט געווען די הויפּט־פירער פון אָט דער אידייע (חיבת־ציון). עס בילדעט זיך אַ קרייז יידישע סטודענטן מיטן נאָמען „בילו" (ראשי־תיבות: בית יעקוב לכו ונלכה — יידישע קינדער לאָמיר אַוועקגייען), וואָס לאָזן זיך אַוועק אין הייליקן לאַנד צו ווערן ערד־אַרבעטער.

די אָנהענגער פון דעם געדאַנק (די חובבי־ציון) אַרבעטן מיט די גרעסטע שוועריקייטן און מיט דער העכסטער אָנשטרענגונג. עס ווערן געגרינדעט אין ארץ־ישראל פאַרשידענע קאָלאָניעס (ראשון לציון, פּתח תיקוה א. א.) אויך די צאָל יידישע איינוואוינער פון די שטעט יפו, ירושלים, צפת א. א., פאַרגרעסערט זיך.

עס עפענען זיך אָנפאַנגס־שולן אין די קאָלאָניעס און מיטל־שולן אין די שטעט און עס שאַפן זיך פאַרשידענע אַנשטאַלטן.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן די קאָלניע „מיקווה ישראל" — צו אויסבילדן אַ יידישן ערד־אַרבעטער.

די העברעישע שפּראַך ווערט ווידער אַ לעבעדיקע שפּראַך צווישן דעם ישוב אין ארץ־ישראל.

דער גרויסער און באַרימטער יידישער נדיב (פילאַנטראָפּ) רבי בינימין ראָטשילד פון פּאַריז, (באַראָן ראָטשילד), ווערט ניט מיד צו שפּענדן אַלעמאָל אומגעהויער גרויסע געלט־מיטלען אויף דעם אַלעמען; ער שאַפט נייע קאָלאָניעס און העלפט מיט געוואַלטיקע סומען די אַלטע אין זייערע קריטישע מאָמענטן, און די אידייע באַקומט אַלעמאָל מערערע אָנהענגער.

י. גאָלדשטיין

## דער יידישער ישוב אין ארגענטינע

ווי געזאָגט פאַנגט זיך אָן (באַזונדערס נאָך די פּאָגראָמען פון די 80־קער יאָרן אין רוסלאַנד) א גרויסע עמיגראַציע אין די אַמעריקאַנער לענדער.

אין צפון־אַמעריקע שאַפט זיך אַזוי אַרום דער גרעסטער יידישער צענטער. א באַדייטנדער יידישער ישוב בילדעט זיך אויך אין דרום־אַמעריקע (אַרגענטינע, בראַזיל, אורוגוואַי א. א.).



10) באַראָן מושה הירש

אין אַרגענטינע האָט דער באַראָן מושה הירש (געלעבט 1831־1896) קאָלאָניזירט די יידן־עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אַהער פון די לענדער, וואו מען האָט זיי דאָן געטריבן.

צו דעם צוועק האָט דער באַראָן הירש געגרינדעט די י ק ״ א

(יידישע קאָלאָניזאַציע־אָרגאַניזאַציע), וועלכע האָט אָפּגעקויפט גרויסע שטחים ערד פאַר יידישע ערד־אַרבעטער קאָלאָניעס.

טויזנטער יידן אין אַרגענטינע באַשעפטיקן זיך היינט צו טאָג מיט ערד־אַרבעט.

פיל אַרגענטינער יידן באַשעפטיקן זיך אויך מיט מיסחר, אינדוסטריע און פאַרשידענע מלאכות.

די יידישע באַפעלקערונג אין אַרגענטינע דערגרייכט לערך צו אַ פערטל מיליאָן.

טראָץ דעם וואָס דער יידישער אַרגענטינער ישוב איז נאָך גאָר יונג — האָט ער דאָך באַוויזן צו שאַפן פאַר זיך זייער וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אנשטאַלטן פון ברייטן פאַרנעם.

אויך אין דעם אַלוועלטלעכן יידנטום פאַרנעמט דער אַרגענטינער יידישער ישוב זייער אַ בכבודיקן פּלאַץ, נעמענדיק ביי יעדן פאַל אַ אָנגעזעענעם אנטייל אין די פאַרשידענע אַקציעס פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

## 59. דער פּאָליטישער ציוניזם

דער געדאַנק פון „חיבת־ציון" איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו דער גראַנדיעזער באַוועגונג פון דעם „פּאָליטישן ציוניזם", וועלכער שטרעבט צו אַ יידישן, פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיקן לעבן אין פּאַלעסטינע, צו דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד, אין פּאַלעסטינע.

דער שעפער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם איז געווען דאָקטער הערצל. (געשטאָרבן צו 44 יאָר, כ' תמוז תרס"ד).

דאָקטער הערצל האָט אָנגעשריבן אַ בוך „די יידישע מלוכה", וואו ער ווייזט אויף, אַז אַ יידישע מלוכה אין די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע.

ער האָט אויך געשאַפן די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואָס זיינען ביז איצט שוין געווען 18, זייט דעם יאָר 1897.

וואָס ווייטער זיינען אַלץ מערערע שיכטן פון פאָלק אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון דעם ציוניסטישן געדאַנק; די ציוניסטישע באַוועגונג האָט באַשעפטיקט די בעסטע מוחות פון יידישן פאָלק, באַאיינפלוסט זיין ליטעראַטור און פאַרשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַל־קולטורעלע לעבן פון יידנטום אין די גלות־לענדער.



11) דר. ט. הערצל



12) אחד־העם

וואָס מער די יידישע ליידן האָבן זיך פאַרגרעסערט, וואָס מער דאָס יידישע לעבן אין די גלות־לענדער איז געוואָרן שווערער, אַלץ מעכטיקער, אַלץ הייסער איז געוואָרן דאָס שטרעבן צו ג א ו ל ה, דער פאַרלאַנג צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אויף אייגענער ערד.

צו די יידישע שרייבער און איינפלוסרייכע מענער פון אָט דער תקופה געהערט דער שריפטשטעלער און דענקער „אחד העם“.

## 60. סאָציאַלע באַוועגונגען

פּאַראַלעל מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אויך געוואַקסן בײַ ייִדן אַ צווייטע באַוועגונג — די סאָציאַליסטישע, וועלכע שטרעבט צו אומבייטן די איצטיקע אָרדענונג אין דער געזעלשאַפט.

די איצטיקע סאָציאַלע סיסטעם איז, לויט דער דאָזיקער אידייע, ניט קיין ריכטיקע און ניט קיין יושרדיקע: פון איין זייט זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרמאָגן בלויז זייער אַרבעטס־כוח — „אַרבעטס־הענט" און פון דער צווייטער ווידער, זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס לעבן בלויז פון זייער קאַפּיטאַל (פאַרמעגן) — און עס קומט אויס, אַז פון דער אַרבעט געניסט מער דער קאַפּיטאַליסט איידער דער אַרבעטער.

די „סאָציאַליסטן" (אָנהענגער פון סאָציאַליזם) אָבער ווילן, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן און יעדערער זאָל געניסן אין אַ גערעכטער מאָס פון זײַן אַרבעט.

פאַרשידענע ריכטונגען פון אָט דער באַוועגונג זײַנען געשאַפן געוואָרן בײַ ייִדן. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַלד פאַרמישט אין דער אַלגעמיינער ניט־ייִדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

געווען אָבער אויך אַזעלכע („בונד"), וואָס האָבן געשאַפן אַ באַזונדערע, ספּעציעל ייִדישע אָרגאַניזאַציע אינערהאַלב דער אַלגעמיינער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

עס זײַנען פאַראַן אויך אַזעלכע, וועלכע פאַרבינדן בײדע אידייען (די ייִדישע אויפלעבונג אין ארץ־ישראל און דעם סאָציאַליזם) צוזאַמען.

אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז די ייִדישע אַרבעטער־פּאַרטיי „פועלי־ציון", וועמענס טעאָרעטישער באַגרינדער רעכנט זיך בער באָראָכאָוו.

## 61. דער אויפבלי פון דער ייִדישער ליטעראַטור

דער אויפשטייג פון די דערמאָנטע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען האָט געהאַט אַ מעכטיקן איינפלוס אויף דער ייִדישער קולטור.

עס מערקט זיך אן אויפבלי אין אונזער ליטעראַטור אויף יידיש ווי אויף העברעיש.

דער גרויסער שריפטשטעלער „מענדעלע מוכר ספרים” — ווי ער האָט זיך אליין אַ נאָמען געגעבן — האָט באַרייכערט די יידישע לי־



13) מענדעלע מוכר ספרים

טעראַטור אין ביידע שפּראַכן. אים רופט מען אויך „דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור”.

ווי דער „זיידע”, אַזוי אויך דאָס „אייניקל”, ווי מען רופט „שלום עליכמען” — דעם גרעסטן הומאָריסט פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט זיינע קאָמישע און דאָך טרויעריקע מעשהלעך פון דעם יידישן ביטערן לעבן אַזוי ליבלעך געטרייסט און פריילעך געמאַכט, געשטאַרקט און געמונטערט איבערצוטראָגן די צרות פון גלות־לעבן.

צו יענער צייט געהערט אויך יצחק לייבוש פּרץ, מיט זיינע „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן”, חסידישע לעגענדעס און שטימונגען, און דער



14) ח. נ. ביאליק



15) שלום עליכם



16) י. ל. פרץ

גרעסטער דיכטער פון דער נייער העברעישער ליטעראַטור — חיים נחמן ביאַליק, (געשטאָרבן כ״א תמוז תרצ״ד, 4 יולי 1934).

## 62. דער וועלט-קריג און די אויפלעבונגס-אַרבעט

אינמיטן פון יאָר 1914 ברעכט אויס אַ מוראַדיקע וועלט־מילחמה. דאָס בלוט פון יידן גיסט זיך אויף אַלע פאַרשידענע פראָנטן.

אומעטום, אין אַלע לענדער וואו יידן וואוינען, גייען זיי אָפּ מיט בלוט, ניט בלויז אַלס דירעקטע אָנטיילנעמער, ניט נאָר ווי סאָלדאַטן, נייערט אויך, און אפשר נאָכמער, אַלס יידן.

דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט פון יונגע און אַלטע, פון הילפלאָזע ווייבער און שוואַכע קינדער, שרייט צום הימל; מוראַדיקע, גרויזאַמע שחיטות און גירושים פון גאַנצע קהילות — ווי אין די סאַמע פינסטערע און אומגליקלעכע צייטן פון כמעלניצקין.

אין דער דאָזיקער ווי־סטער און ביטערער צייט איז יידן מער ניט פאַרבליבן ווי בלויז די איין און איינציקע טרייסט — די האָפענונג אויף דעם ציוניזם, אין וועלכן עס איז דאַן פאָרגעקומען אַ נייע ווענדונג.

דער ענגלישער מיניסטער באַלפור האָט אַרויסגעגעבן אַ ,,דעקלאַראַציע״ (דערקלערונג), אַז ענגלאַנד נעמט אויף זיך נאָך דער מילחמה צו זאָרגן וועגן אַ ,,נאַציאָנאַלער היים פאַר יידן אין פּאַלעסטינע״.

די אַנדערע מלוכות האָבן צו דעם געגעבן זייער צושטימונג און אויך אָנפאַרטרויט די ענגלענדער דעם ,,מאַנדאַט״ (דאָס רעכט צו רעגירן) איבער ארץ־ישראל.

אַזוי אַרום איז ארץ־ישראל פאַרבליבן ווידער די מעכטיקסטע שטרעבונג און די טרייסטנדע האָפנונג פאַרן יידישן פאָלק, וואָס וויל לעבן מיט פעלקער גלייך אַ געזונטן נאַציאָנאַלן לעבן.

# פ ר אַ ג ן

### 1־טע לעקציע

וואָס איז צום ערשטן באַשאַפן געוואָרן ? — דערנאָך ? — ווי הייסט דער זיבעטער טאָג ? — ווי האָט געהייסן דער ערשטער מענטש ?

### 2־טע לעקציע

ווי האָט געהייסן אדמס פרוי ? — וויפל קינדער האָבן געהאט אדם מיט חוהן ? — ווי האָט מען זיי גערופן ? — ווער האָט וועמען דערהרגעט ?

### 3־טע לעקציע

וואָס הייסט מבול ? — פאַרוואָס איז געקומען אַ מבול ? — ווער איז געווען דאַן דער גרעסטער צדיק ? — ווי האָט ער זיך געראַטעוועט?

### 4־טע לעקציע

ווער איז געווען דער ערשטער ייד ? — ווי האָט מען גערופן אברהמס זון ? — ווי אַזוי האָט גאָט געפּרואווט אברהמען ? — וועמענס זון איז געווען יעקב ? — ווער זיינען די אבות פון יידישן פאָלק ? — ווער איז געווען יעקובס ברודער ?

### 5־טע לעקציע

פון וואַנען שטאַמען די שבטים ? — וויפל זין האָט געהאט יעקב ? — וועמען פון די זין האָט יעקב מער ליב געהאט ? — ווי אַזוי איז יוסף אַנגעקומען קיין מיצרים ? — פאַרוואָס האָט מען אים געמאַכט פאַר שני למלך ? — ווי אַזוי קומט יעקב מיט זיינע קינדער קיין מיצרים ?

### 6־טע לעקציע

ווי האָבן געלעבט די יידן אין מיצרים, ווען יוסף האָט געלעבט ? — נאָך יוספס טויט ? — ווער האָט זיי באַפרייט ?

7-טע לעקציע

ווער האָט געגעבן די יידן די תורה און וואו? — וואו איז משה געשטאָרבן? — ווער האָט איבערגענומען די פירונג פון פאָלק? — וואוהין האָט ער זיי געפירט?

8-טע לעקציע

וויפל שבטים האָבן זיך באַזעצט אין עבר־הירדן? — וואו האָבן די איבעריקע שבטים באַקומען זייער טייל?

9-טע לעקציע

ווער זיינען געווען די פּ ל י ש ת י ם? — וואָס איז געווען די סיבה וואָס יידן זיינען געווען שוואַך קעגן זייער שונא?

10-טע לעקציע

ווער זיינען די „שופטים"? — וואָס פלעגן זיי אויפטאָן? — ווער איז געווען דבורה די נביאה?

11-טע לעקציע

וויפל צייט האָט אָנגעהאַלטן די תקופה פון די שופטים? — ווער איז געווען דער לעצטער שופט? — וואָס האָבן די יידן געפאָדערט פון אים? — ווער איז געווען דער ערשטער מלך?

12-טע לעקציע

ווער האָט געקעניגט נאָך שאולן? — מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעצייכנט? — ווי האָט געהייסן זיין זון? — וואָס האָט ער אויפגעטאָן?

13-טע לעקציע

וויפל האָט עקזיסטירט די געאייניקטע יידישע מלוכה (לערך)? — פאַרוואָס האָט זי זיך צעטיילט? — ווי האָבן זיך גערופן די צעטיילטע מלוכות? — ווי האָט געהייסן די הויפּט־שטאָט פון מלכות ישראל? — פון יהודה?

14-טע לעקציע

וויפל (לערך) האָט עקזיסטירט מלכות ישראל? — ווער איז דאָרט געווען דער ערשטער קעניג?—ווי אַזוי האָט ער געוואָלט באַזייטיקן

דעם איינפאַלוס פון בית המיקדש? — וואָס האָט אויפגעטאָן עמרי? — ווער איז געווען דער לעצטער קעניג פון ישראל? — ווער האָט חרוב געמאַכט מלכות ישראל? — ווען?

15־טע לעקציע

וויפל (לערך) האָט עקזיסטירט מלכות יהודה? — ווער איז דאָרט געווען דער ערשטער קעניג? — דער לעצטער? — ווער האָט חרוב געמאַכט יהודה? — ווען? — וואוהין האָט ער פאַרטריבן די פאַר־נעמסטע יידן? — וועלכער נביא האָט אַליין איבערגעלעבט דעם חורבן?

16־טע לעקציע

ווער איז גדליה בן אחיקם? — וואָס איז געווען זיין סוף? — וואָס באַדייטן די טרויער־טעג: „צום גדליה", „עשרה בטבת", „שיבעה עשר בתמוז" און „תישעה באב"? — וואָס איז געווען די ראָלע פון די כוהנים?

17־טע לעקציע

מיט וואָס האָבן זיך יידן באַשעפטיקט צום אַלעם ערשטן? — פאַרוואָס האָבן זיי דאַן געמוזט וואַנדערן? — וואָס איז געווען זייער באַשעפטיקונג אין ארץ־ישראל? — אין דער צייט פון די מלכים? — וואָס הייסט מישפחה? — ווער האָט געהערט צו דער מישפחה? — ווער האָט אָנגעפירט מיטן מישפחה־לעבן? — וואָס פאַר אַ ימים־טובים האָבן יידן שוין דאַן געהאַט?

18־טע לעקציע

ווי האָבן געלעבט די יידן אין גלות בבל? — ווער זיינען געווען די סופרים? — דורך וועמען איז באַזיגט געוואָרן בבל?

19־טע לעקציע

ווער האָט דערלויבט די יידן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל? — ווער האָט דאַן אָנגעפירט מיט די יידן וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט?

20־טע לעקציע

ווי איז אָנגעקומען דער ווידעראויפבוי פון 2־טן בית־המיקדש? — ווען איז ער ענדלעך אויפגעשטעלט געוואָרן?

21־טע לעקציע

פאַרוואָס פייערט מען פּורים ?

22־טע לעקציע.

ווער איז געווען עזרא הסופר און וואס האָט ער געטאָן ? — וואָס האָט אויפגעטאָן נחמיה ? — ווער האָט געגרינדעט די „כנסת הגדולה" ? — וואָס האָט די כנסת הגדולה געהאט צו טאָן ? —

23־טע לעקציע

אונטער וועמענס הערשאַפט זיינען יידן אַריבער נאָך דער פּער־סישער ? — ווי האָבן יידן געלעבט אונטער אלכסנדר פון מאַקעדאָ־ניע ? — וואָס איז פאָרגעקומען נאָך אלכסנדרס טויט ? — צו וועמען האָט געהערט יהודה ? — אונטער וועמענס הערשאַפט זיינען דאַן געווען די יידן פון בבל ? — וועמען האָט מען גערופן „תנאים" ?

24־טע לעקציע

ווער זיינען געווען די העלעניסטן און די חסידים ? — ווי קומט יהודה אונטער דער סירישער הערשאַפט ? — אנטיוכוס הרשע און זיין באַציונג צו יידן ?

25־טע לעקציע

ווער זיינען די חשמונאים ? — וואָס האָבן זיי געטאָן ? — פאַר־וואָס פייערט מען חנוכה ?

26־טע לעקציע

ווען איז יהודה המכבי געשטאָרבן ? — מיט וואָס האָט זיך יונתן חשמונאי אויסגעצייכנט ? — ווער האָט פאַרנומען יונתנס אָרט ? — ווער איז געווען יוחנן־הורקנוס ? — ווען איז געגרינדעט געוואָרן דער סנהדרין ?

27־טע לעקציע

ווער זיינען געווען די צדוקים ? — די פּרושים ? — די באַציונגען צווישן די פּאַרטייען ? — די באַציונגען פון די קעניגן צו די פּאַר־טייען ? — ווער האָט זיך גענומען דעם טיטל „מלך" אָנשטאָט „נשיא" ? — ווער האָט געקעניגט נאָך אריסטאָבול (1) ? — **ווער** האָט געקעניגט נאָך אלכסנדר ינאי ? — וואָס האָט אויפגעטאָן ר' שימעון בן שטח ?

28־טע לעקציע

צו וועמען איז איבערגעגאנגען די מלוכה־מאכט נאך שלומיתן? — וואס איז געווען די ראלע פון אנטיפאטער אין דעם קריג פון די צוויי ברידער? — ווי אזוי זיינען דאן די יידן אונטערגעפאלן אונטער די רוימער? — ווער איז געווען הורדוס?

29־טע לעקציע

וואס פאר א פאליטיק האט אנגעפריט הורדוס? — די באציונג פון יידן צו אים?

30־טע לעקציע

ווער איז געשטאנען אין שפיץ פון סנהדרין אין הורדוסעס צייט? — וואס פאר א כאראקטער האט פארמאגט הילל? — שמאי? — ווי איז געווען די באציונג פון שמאים נאכפאלגער צו הורדוסן און צו די רוימער? — ווען איז געשטארבן הורדוס?

31־טע לעקציע

ווער האט געקעניגט נאך הורדוסן? — די באציונג פון ארכילאס צום פאלק? — פון וואנען האט געשטאמט אגריפא דער ערשטער? — זיינע באציונגען מיט קאי קאליגולא? — זיין רעגירן און די לאגע פון יהודה אין זיין צייט? — וויפל צייט האט ער רעגירט?

32־טע לעקציע

אגריפא דער צווייטער און זיין כאראקטער? — ווער האט דאן רעגירט אין יהודה? — ווער זיינען געווען די קנאים? — ווער איז געווען שימעון בר גיורא און יוחנן פון גוש חלב? — ווער איז דאן געשטאנען אין שפיץ פון סנהדרין?

33־טע לעקציע

ווער איז געווען יוסיפוס פלאוויוס? — ווי איז געווען זיין אויפפירן זיך אין צייט פון אויפשטאנד? — ווער איז דאן געווען דער הערשער פון רוים? — אונטער וועמענס פירונג זיינען דאן געווען די רוימישע לעגיאנען? — וואס איז געווען די ראלע פון אגריפא דעם צווייטן? — וואוהין איז יוחנן פון גוש חלב אנטלאפן פון גליל? — ווי איז געווען די לאגע אין ירושלים?

34־טע לעקציע

ווען איז טיטוס אַריין קיין ירושלים? — ווען איז געפאַלן דאָס לאַנד יהודה?

35־טע לעקציע

וואָס האָט אויפגעטאָן רבן יוחנן בן זכאי? — ווי איז געווען די באַציונג פון אַדריאַן צום פאָלק? — ווער האָט דאָן אָנגעפירט מיטן אויפשטאַנד? — ווער איז ר׳ עקיבא? — וואָס איז ביתר? — דער סוף פון דעם אויפשטאַנד? — ווער זיינען די עשרה הרוגי מלכות?

36־טע לעקציע

וואו איז געווען דער וואוינאָרט פון נשיא און פון די סנהדרין נאָך יבנה? — ווער איז געווען ר׳ יהודה הנשיא און וואָס האָט ער געטאָן? — ווען איז די מישנה געשלאָסן געוואָרן? — ווער האָט זיך גערופן „אמוראים”?

37־טע לעקציע

וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער ראש־הגולה (עקסילאַרך)? וואָס הייסט „תלמוד בבלי”? — ווער האָט געזאַמלט די ווערק פון די אמוראים? — ווען איז געשלאָסן געוואָרן דער „תלמוד בבלי”?

38־טע לעקציע

וואָס האָט מר זוטרא געטאָן? — ווען איז ער געשטאָרבן? — וואָס האָט דאָן באַדייט דער טיטל „גאון”? — ווער האָט געגרינדעט די סעקטע קראים? — פאַרוואָס הייסן זיי קראים?

39־טע לעקציע

ווי האָבן די יידן געלעבט אין אַראַביע: פאַר מחמדן? — נאָך אים?

40־טע לעקציע

פון וואַנען האָבן געשטאַמט די כאזארן? — וואו האָבן זיי געוואוינט? — זייער באַציונג צו דער יידישער רעליגיע? — זייער באַציונג צו יידן פון אַנדערע לענדער?

41־טע לעקציע

ווי קומען יידן אין די אייראָפּעישע לענדער? — ווי האָט מען זיך דאָ באַצויגן צו יידן?

### 42־טע לעקציע

ווי איז געווען די לאגע פון יידן אין פראנקא־גערמאניע: 1) פאר קארל דעם גרויסן ? 2) אין זיין צייט ? 3) אין דער צייט פון די פעאדאלן ?

### 43־טע לעקציע

ווי איז געווען די לאגע פון יידן אין ענגלאנד ?

### 44־טע לעקציע

וועלכע זיינען די סאמע אומגליקלעכסטע צייטן פון דער יידישער געשיכטע ? — וואס זיינען געווען די קרייץ־צוגן ? — ווען האבן זיי אויסגעבראכן ? — וואס פאר א פאלקס־שיכטן האבן געבילדעט די גרויסע מחנות ? — וואוהין זיינען זיי געגאנגען ? — וואס האט מען זיי צוגעזאגט ?

### 45־טע לעקציע

וואס פאר א פאלגן האבן געבראכט די קרייץ־צוגן די יידן: מא־ראליש ? פיזיש ? עקאנאמיש ? — וואס איז געווען די פאסטוכער־גזירה ?

### 46־טע לעקציע

וואס האט אויפגעטאן ר' גרשון מאור־הגולה ? — ווער איז גע־ווען רש"י ?

### 47־טע לעקציע

ווי איז געווען די לאגע פון יידן אין שפאניע: אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאפט ? שפעטער ? — ווער זיינען געווען די „אנוסים"? — ווי אזוי האט זיך געגרינדעט דער אראבישער קאליפאט אין שפאניע ? — ווי האבן דאן יידן דארט געלעבט ? — ווער איז געווען ר' חיסדאי ? — ווער איז ר' יהודה הלוי ? —דער רמב"ם ?

### 48־טע לעקציע

ווער איז אינאצעניץ דער דריטער ? — ווי האבן יידן געלעבט אונ־טער זיין הערשאפט ? — די אינקוויזיציע און אירע אויפגאבן ? — ווען איז פארגעקומען דער גירוש שפאניע ? — ווער איז געווען דאן יצחק אברבנאל ? — אין וועלכע לענדער זיינען יידן אנטלאפן פון שפאניע ?

## אונזער געשיכטע

### 49־טע לעקציע

ווי האָבן דאָן די עמיגרירטע געלעבט אין טערקיי? — ווער איז געווען יוסף הנשיא, זיין געשיכטע און טעטיקייט?

### 50־טע לעקציע

ווער איז געווען מנשה בן ישראל? — וואָס ווייסט איר וועגן אוריאל אַקאָסטאַ? — ווער איז געווען ברוך שפּינאָזאַ? — ווער איז יעקב טיראַדאָ? — ווען איז געשטאָרבן ר' מנשה בן ישראל?

### 51־טע לעקציע

וואָס הייסט „שוץ־יידן"? — וואָס פאַרא בילבולים האָט מען אויסגעטראַכט אויף יידן? — וואָס איז די געשיכטע מיט דער „שוואַרצער מגפה"? — וואָס איז געווען די איינציקע האָפנונג דאָן ביי יידן? — ווער זיינען געווען דויד הראובני און שלומה מולכו? — ווער זיינער געווען די „מקובלים" און וואו איז דאָן געווען זייער צענטער?

### 52־טע לעקציע

פון וואַנען קומען יידן קיין פּוילן? — די ראָלע פון דער יידישער קהילה אין פּוילן? — ווען האָט זיך פּוילן פאַראייניקט מיט ליטע? — די יידישע פּרנסות?

### 53־טע לעקציע

קענן ווענען איז געווען דער אויפשטאַנד פון באָגדאַן כמעלניצ־קי? — פאַרוואָס האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער כעס צו יידן? מיט וואָס פאַר אַ נאָמען באַצייכנט מען יענע שחיטות? — ווער איז געווען „שבתי צבי"? — פאַרוואָס האָבן יידן אַזוי לייכט דאָן געגלויבט די פאַלשע משיחים? — ווער האָט געמאַכט אַן ענדע צו פּוילן?

### 54־טע לעקציע

ווער איז געווען דער ערשטער שעפער פון חסידיזם? — וואָס האָט געלערנט דער חסידיזם? — פאַרוואָס האָט די באַוועגונג צוגע־צויגן אַ סך חסידים? — ווענען האָט מען גערופן מיתנגדים? — ווער איז געווען דער „ווילנער גאון"? — וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אים און ר' שניאור זלמן?

55־טע לעקציע

וואָס הייסט „תחום"? — קאַנטאָניסטן? — וואָס הייסט „השכלה", „משכילים"? — ווער איז געווען ר' יצחק בער לעווינזאָן? — וועלכע שטאָט האָט מען גערופן „ירושלים דליטא"?

56־טע לעקציע

וואו האָט געלעבט משה מענדלסאָן? — וואָס האָט ער געוואָלט? — וואָס הייסט עמאַנסיפּאַציע? — אַסימילאַציע? — וואָס איז געוואָרן דער סוף פון מענדלסאָנס תלמידים? — וואָס האָט געשאַפן גרעץ? — וואָס האָט געפאָדערט משה העס אין זיין בוך „רוים און ירושלים"? — ווער איז געווען משה מאָנטעפיאָרע?

57־טע לעקציע

וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם? — וואו איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון קאַפּיטאַן דרייפוס? — וואָס איז פאָרגעקומען אין רוס־לאַנד אין די 80־ער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט? — וואוהין איז דאַן געגאַנגען די יידישע עמיגראַציע?

58־טע לעקציע

ווער איז געווען דער באַראָן הירש און וואָס האָט ער געטאָן? — ווער איז געווען פּינסקער? — וואָס הייסט „בילו"? — וואָס האָט ר' בנימין ראָטשילד געטאָן פאַרן ישוב אין ארץ־ישראל?

60־טע לעקציע

וואָס איז אייך באַקאַנט וועגן סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן? — וואָס פאַר אַ ריכטונגען אין סאָציאַליזם איז פאַראַן ביי יידן?

61־טע לעקציע

וועמען רופט מען „דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור"? — וועמען רופט מען „דאָס איינִיקל"? — (מיט וואָס אונטערשיידן זיך די שריפטשטעלער „שלום עליכם" און י. ל. פּרץ אין זייער אופן פון שרייבן?).

62־טע לעקציע

ווען האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע וועלט־מילחמה? — ווי איז געווען די לאַגע פון די יידן? — וואָס הייסט „באַלפור־דעקלאַראַציע"? מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל?

# נעמען פון מענטשן און ערטער וואָס געפינען זיך אין בוך

## א


| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| אדם | 1, 2 |
| אברהם | 4 |
| ארץ־ישראל | 19, 20, 30, 38, 58, 62 |
| אחאב | 14 |
| איזבל | 14 |
| אשור | 14 |
| אורוגוואַי | 58 |
| אליהו | 14 |
| אחז | 15 |
| אחשוורוש | 21 |
| אסתר | 21 |
| אדר (13) | 21 |
| אלכסנדר מוקדון | 23 |
| אלכסנדריה | 23 |
| אנטיוכוס הרשע | 24 |
| אליעזר | 24 |
| אריסטאָבול | 27 |
| אלכסנדר ינאי | 27 |
| אריסטאָבול (2) | 28 |
| אנטיפּאַטער | 28, 29 |
| ארכילאָס | 31 |
| אַגריפּאַ | 32, 33 |
| אבא קאַריבא | 39 |
| אראַביע | 39, 47 |
| אשי (רב) | 37 |
| אמוראים | 36, 37 |
| אברהם אבן עזרא | 47 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| אַדריאַן | 35, 36 |
| אייראָפּע | 40, 41, 51 |
| אימפּעריע (רוימישע) | 40 |
| איטאַליע | 41, 48, 51 |
| אנוסים | 48 |
| אַפריקע | 47 |
| אינאָצענץ (3) | 48 |
| אינקוויזיציע | 48 |
| אויטאָ דא פע | 48 |
| אַמסטערדאַם | 48 |
| אַסימילאַציע | 56 |
| אַנטיסעמיטיזם | 57 |
| אַמעריקע | 58 |
| אוריאל אַקאָסטאַ | 50 |
| אַרגענטינע | 58 |
| אחד העם | 59 |
| אלישע | 14 |
| אר״י | 49 |


## ב


| | |
|---|---|
| בית המיקדש | 12, 14, 16, 22, 24, 25, 29, 34 |
| בבל | 15, 16, 18, 19, 20, 22, 23, 37, |
| בית שני | 20 |
| בר כוכבא | 35, 37 |
| ביתר | 35 |
| „בונד“ | 60 |
| בוסתנאי | 38 |
| ביזאַנטיע | 39 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
| --- | --- |
| בולאַן | 40 |
| בעש"ט | 54 |
| באַראָן הירש | 58 |
| באַראָן ראָטשילד | 58 |
| באַלפור | 62 |
| ביאַליק ח. נ. | 61 |
| באָראָכאָוו ב. | 60 |
| בראַזיל | 58 |
| **ג** | |
| גדליה בן אחיקם | 16 |
| גריבן | 23, 24, 25, 26, 32 |
| גליל | 33, 35, 36 |
| גאון | 38, 54 |
| גרשון מאור־הגולה | 46 |
| גירוש שפּאַניע | 48 |
| גרעץ | 56 |
| גמרא | 37 |
| **ד** | |
| דבורה די נביאה | 10 |
| דויד (המלך) | 12 |
| דייטשלאַנד | 44, 52 |
| דויד הראובני | 51 |
| **ה** | |
| הבל | 2 |
| הושע | 14 |
| המן | 21 |
| העלעניסטן | 24 |
| הורקנוס | 28 |
| הורדוס | 28, 29, 30, 31 |
| הילל | 30 |
| האָלאַנד | 48, 50 |
| הערצאָג פון נאַקסאָס (יוסף הנשיא) | 49 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
| --- | --- |
| השכלה (משכּילים) | 55 |
| הערצל | 59 |
| **וו** | |
| וועספּאַסיאַן | 33, 34 |
| וואָלגאַ | 40 |
| **ז** | |
| זרובבל | 19, 20 |
| זעלאָטן (זע קנאים) | |
| **ח** | |
| חוה | 2 |
| חזקיהו | 15 |
| חסידות (חסידים) | 24, 54 |
| חנה | 24 |
| חשמונאים | 25, 26, 28, 29 |
| חנוכה | 25 |
| חורבן (שני) | 34 |
| חיסדאי (אבן שפּרוט) | 47 |
| **ט** | |
| טיטוס | 33, 34 |
| טערקיי (טערקן) | 44, 49 |
| טאָרקוועמאַדאַ | 48 |
| טיראַדאָ יעקב | 50 |
| **י** | |
| יצחק | 4 |
| יעקוב | 4, 5 |
| יוסף (יעקובס זון) | 5, 6 |
| יהושוע | 7 |
| ירושלים | 12, 13, 14, 15, 16, 22, 25, 28, 29, 32, 34, 55 |
| ישראל (מלכות) | 13, 14, 15 |
| יהודה (לאַנד) | 13, 15, 18, 19, 23, 24, 28, 29, 31, 33, 34, 35 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| ירבעם | 13, 14 |
| יואשיהו | 15 |
| ישעיהו | 15 |
| ירמיהו | 15 |
| יפו | 58 |
| ירדן | 8 |
| יהושוע (הכהן) | 19, 20 |
| יהודה המכבי | 25, 26 |
| יוסף קארא | 49 |
| יונתן (המכבי) | 26 |
| יהודה הגלילי | 31 |
| יוחנן פון גוש חלב | 32, 33, 34 |
| יוסף בן מתתיהו (פלאוויוס) | 33, 34 |
| יונחן בן זכאי | 35 |
| יבנה | 35 |
| יוסף הנשיא (פון נאקסאס) | 49 |
| יהודה הנשיא | 36, 37 |
| יוסף (כוזרי) | 40 |
| יהודה הלוי | 47 |
| יצחק אברבנאל | 48 |
| יחזקאל | 18 |
| יק"א | 58 |
| **כ** | |
| כנען | 7 |
| כורש | 19 |
| כנסת הגדולה | 22 |
| כוהן גדול | 23, 24 |
| כסלו | 25 |
| כאזארן | 40, 47 |
| כמעלניצקי | 53 |
| **ל** | |
| ליטע | 52 |
| לעווענזאָן י. ב. (ריב"ל) | 55 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| **מ** | |
| מיצרים | 5, 6, 7, 23, 24 |
| מושה רבנו | 6, 7 |
| מרדכי | 21 |
| מישנה | 23, 36, 37 |
| מודיעין | 25 |
| מתתיהו (חשמונאי) | 25 |
| מר זוטרא | 38 |
| מחוזא | 38 |
| מאכמעד | 39 |
| מוסולמענער | 44 |
| מאראַנען | 49, 50 |
| מיתנגדים | 54 |
| מושה העם | 56 |
| מושה מאָנטעפיאָרע | 56 |
| מאפּו | 55 |
| מושה מענדלסאָן | 56 |
| מענדעלע מוכר ספרים | 61 |
| מיקווה ישראל | 58 |
| **נ** | |
| נוח | 3 |
| נביא (נביאה, נביאים) | 10, 14, 15 |
| נחמיה | 22 |
| נשיא (נשיאים) | 26, 27, 36 |
| נעראָן | 33 |
| נבוכדנאצר | 15, 16, 18 |
| **ס** | |
| סופר, סופרים | 18, 22 |
| סיריע (סירישע קעניגן) | 23, 24, 26 |
| סנהדרין | 26, 30, 32, 33, 35, 36 |
| סעווערום | 35 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| סעלים 2 (סולטאַן) | 49 |
| סמאָלענסקין | 55 |

## ע

| | |
|---|---|
| עשו | 4 |
| עמרי | 14 |
| עזרא | 22 |
| עטנאַרך (זע נשיא) | |
| עקיבא (רבי) | 35 |
| עליא קאַפּיטאָלינא | 35 |
| עקסילאַרך (ראש גולה) | 37, 38 |
| ענן | 38 |
| ענגלאַנד | 43, 62 |
| עסטרייך | 53 |
| עמאַנסיפּאַציע | 56, 57, 58 |
| עמוס | 14 |

## פּ

| | |
|---|---|
| פּלישתים | 9 |
| פּערסישע (מלוכה, אַרמייען) | 19, 21, 22, 23, 38 |
| פּורים | 21 |
| פּרץ י. ל. | 61 |
| פּחה | 22 |
| פּאַלעסטינע | 23, 44, 45, 56, 59 |
| פּרושים | 27 |
| פּאָמפּעוס | 28 |
| פּויפּסט | 41 |
| פראַנקאָ־גערמאַניע (פראַנקרייך) | 42, 44, 46, 56 |
| פּעאָדאַלן (פּריצים) | 42, 44, 51, 52 |
| פּאַסטוכער גזירה | 45 |
| פּאָרטוגאַל | 48 |
| פּוילן | 52, 53, 55 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| פּינסקער י. ל. | 58 |
| פרייסן | 53 |
| פּאָגראָם | 57 |
| פּאַטריאַרכן (ז' נשיאים) | |
| פּאָליטישער ציוניזם | 59 |

## צ

| | |
|---|---|
| צידקיהו | 15 |
| צדוקים | 27 |
| צפת | 49, 51, 58 |

## ק

| | |
|---|---|
| קין | 2 |
| קידוש השם | 24 |
| קעסאַריע | 31 |
| קאַי קאַליגולאַ | 31 |
| קנאים (זעלאָטן) | 32, 33, 34, 35, 37 |
| קראים (קאַראַאימען) | 38 |
| קאַספּישער ים | 40 |
| קאַרל דער גרויסער | 42 |
| קרייץ־צוגן | 44, 51 |
| קאַטוילישע גלחים | 47, 48, 52 |
| קאָרדאָבאַ | 47 |
| קאָזאַקן | 53 |
| קאָנסטאַנטינאָפּל | 55 |
| קאַליפאַט | 47 |
| קבלה | 49 |

## ר

| | |
|---|---|
| ראָטשילד | 56 |
| רחבעם | 15 |
| רוים און רוימער | 28, 29, 30, 31, 32, 33, 34, 35, 36, 37, 41, 42 |
| ראש הגולה (זע עקסילאַרך) | |
| ראש ישיבה | 38 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| ר"שי | 46 |
| רמב"ם | 47 |
| רוסלאַנד | 53, 55, 57 |
| **ש** | |
| שופטים | 10, 11 |
| שפּינאָזאַ ברוך | 50 |
| שמואל | 11 |
| שאול | 11, 12 |
| שלומה | 12, 13 |
| שומרון | 13, 14 |
| שימעון (מכבי) | 26 |
| שלומית | 27, 28 |
| שימעון בן שטח | 27 |
| שימעון בן חוניו | 23 |
| שמאי | 30 |
| שלומה בן גבירול | 47 |

| נאָמען | קאַפּיטל |
|---|---|
| שימעון בר גיורא | 32 |
| שימעון בן גמליאל | 32 |
| שפּאַניע | 40, 47, 49 |
| שוואַרצע מגפה | 51 |
| שלומה מאלכא | 51 |
| שניאור זלמן | 54 |
| שולחן ערוך | 49, 52 |
| שבתי צבי | 53 |
| שלום עליכם | 61 |
| שמואל הנגיד | 47 |
| **ת** | |
| תנ"ך | 46 |
| תהילים | 12 |
| תנאים | 23, 36 |
| תלמוד (בבלי) | 37 |
| תישעה באב | 34 |

# כראָנאָלאָגיע

**I** פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג

1000 (לערך) שאול המלך.
720 חורבן פון מלכות ישראל (דורך אשור).
586 דער ערשטער חורבן פון ירושלים (גלות בבל).
(516) זרובבל און דער אויפבוי פון בית המיקדש.
300 (לערך) אלכסנדר מוקדון אין יהודה.
160 געפאַלן יהודה המכבי.

**II** לויט דער אָנגענומענער צייטרעכנונג

4 הורדוסעס טויט.
70 דער צווייטער חורבן.
132 דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא.
200 רבי יהודה הנשיא און די „מישנה".
500 פאַרענדיקט דעם תלמוד בבלי.
711 אַראַבישע הערשאַפט אין שפּאַניע.
1096 ערשטער קרייץ־צוג.
1105 געשטאָרבן רש"י.
1140 (לערך) געשטאָרבן רבי יהודה הלוי.
1204 געשטאָרבן דער רמב"ם.
1492 גירוש שפּאַניע.
1648 כמעלניצקי (גזרת ת"ח).
1657 געשטאָרבן ר' מנשה בן ישראל.
1740 אָנהויב פון דער חסידישער באַוועגונג; דער בעש"ט.
1786 געשטאָרבן משה מענדלסאָן.
1844 פאַרשטאַרקונג פון דער השכלה־באַוועגונג.
1881 פּאָגראָמען אין רוסלאַנד (ביל"ו־עמיגראַציע).
1896 געשטאָרבן באַראָן הירש.
1897 ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס.
1904 געשטאָרבן דר. הערצל.
1914 אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג.
1917 באַלפור־דעקלאַראַציע.
1922 דער ענגלישער מאַנדאַט אויף פּאַלעסטינע.
1934 געשטאָרבן חיים נחמן ביאַליק.

# אינהאַלט


| | זייט |
|---|---|
| צו די לערער | 3 |
| 1. די וועלט־באַשאַפונג | 9 |
| 2. די ערשטע רציחה | 9 |
| 3. דער מבול | 10 |
| 4. די אבות | 10 |
| 5. יוסף | 11 |
| 6. די יידן אין מיצרים | 11 |
| 7. מתן תורה | 12 |
| 8. דאָס באַזעצן זיך אויף לאַנד | 13 |
| 9. די פּלישתים | 13 |
| 10. די שופטים | 14 |
| 11. די מלוכה | 14 |
| 12. די ערשטע מלכים | 15 |
| 13. ישראל און יהודה | 15 |
| 14. דאָס קעניגרייך ישראל | 16 |
| 15. דאָס קעניגרייך יהודה | 17 |
| 16. גדליה בן אחיקם | 18 |
| 17. ווי אזוי האָבן יידן געלעבט אין די אַלטע צייטן | 20 |
| 18. גלות בבל | 25 |
| 19. כורש | 26 |
| 20. די פּאַרטריבענע קערן זיך אום | 26 |
| 21. פּורים | 27 |
| 22. דערד גרויסער פאָלקס־ראַט | 27 |
| 23. די גריכן | 29 |
| 24. העלעניסטן און חסידים | 30 |
| 25. די חשמונאים | 31 |
| 26. יהוהדם טויט | 31 |
| 27. צדוקים און פּרושים | 33 |
| 28. דער ברידער־קריג | 34 |
| 29. הורדוס און זיין פאַמיליע | 35 |
| 30. הילל און שמאי | 36 |
| 31. הורדוסעם יורשים | 37 |
| 32. די קנאים (זעלאָטן) | 38 |
| 33. דער אויפשטאַנד | 39 |
| 34. דער צווייטער חורבן | 40 |
| 35. בר כוכבא | 41 |
| 36. די נשיאים (פּאַטריאַרכן) | 43 |
| 37. דער יידישער צענטר אין בבל | 47 |
| 38. די קראים (קאַראַאימען) | 47 |
| 39. אין אַראַביע | 48 |
| 40. די כאַזאַרן | 49 |
| 41. אין איטאַליע | 50 |
| 42. פראַנקאַ־גערמאַניע | 51 |
| 43. די יידן אין ענגלאַנד | 52 |
| 44. די קרייץ־צוגן | 53 |
| 45. נאָך די קרייץ־צוגן | 54 |
| 46. רש"י | 56 |
| 47. אין שפּאַניע | 57 |
| 48. דער גירוש שפּאַניע | 60 |
| 49. אין טערקיי | 62 |
| 50. האָלאַנד | 63 |
| 51 ייד. ליידן אין דייטש. מלוכה | 66 |
| 52. די יידן אין פּוילן און ליטע | 67 |
| 53. יידישע צרות אין פּוילן | 68 |
| 54. דער חסידיזם (חסידות) | 69 |
| 55. די יידן אין רוסלאַנד | 71 |
| 56. אָנהויב פון ייד. אויפלעבונג | 73 |
| 57. אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען | 75 |
| 58. די נאַצ. באַוועגונג ביי יידן | 76 |
| 59. דער פּאָליטישער ציוניזם | 79 |
| 60. סאָציאַלע באַוועגונגען | 81 |
| 61. אויפבלי פון ייד. ליטעראַטור | 81 |
| 62. דער וועלט־קריג און די אויפלעבונגס־אַרבעט | 84 |
| פראַגן | 85 |
| נעמען פון מענטשן און ערטער | 94 |
| כראָנאָלאָגיע | 99 |